STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06431

DOS GEZANG FIN MAYN FOLK

Naomi Gooen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס געזאנג פין מיין פאָלק

•

פאעמען פון
נעמי גאון

איך זונג צו דיר מיין ליד
סיי פריילין סיי אומעטיק

ווען טרויעריק אויפן הארצן
כ׳ווער קיינמאָל מיד פון
גורלדיקע טעג דערציילן

איך זונג ווידער – ווען
געפלאָקטע – דערנידעריקטע
מסענוויז שטראָמען
פון ווייטע ווינקלן
פארווירקליכען א חלום
זייער אויסגעבענקטע
היים דערגרייכן:

DUS GEZANG FUN MEIN FOLK

POEMS BY
NAOMI GOOEN

אינהאַלטס

דער חנוכה־פעסטיוואַל 1
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט 2
נס חנוכה 5
געשעענישען 8
האָפנונג און גלויבן 12
געדאַנקען און שטימונגען 14
די שווידערליכע טאַטן פון אונזערע שונאים 16
אויף וואָסערע וועגן מאַנכע נוצן אויס
אונזער דעמאָקראַטיע 18
פרילונג 20
ס'שטימט נישט 22
עראינערונגען 25
איינדרוקען פון אַ וואַקאַציע אין ישראל 27
ווער ווייסט? 30
די אנגעוויטיקטע סיטואַציע וועגן
געמישטע היראַטען און אַסימילאַציע 32
אין די הויכע ספערן 34
דער שטאָם 35
ווערט נישט פאַרפרעמדט 37
ס'טוט אַזוי באַנג 39
דער פראָטעסט 41
מתנות און סענטימענטן 42
די שבועה 44
נישט צו בראַכען 46
די נאַכט איז פאַרגאַנגען 47
אַ בייזער חלום 48
דאָס פידעלע 50
דער קאָנטעסט 52
„דער ענטפער אויף די 4 קשיות" 54
נישט פאַרגעסען 56

אינהאַלטס (פאָרטזעצונג)

מאַמאַ ... 57
אַכטונג רעספּעקט פאַרן טאַטן ... 58
אַ געבעט אַ תּפילה ... 59
ווי פאַרשידן ס'אין די יוגנט ... 60
פּיראַטן אין דער לופטן ... 62
בייזע ווינטן אין הערבסט ... 64
שטימונגען ... 65
טראַדיציע ... 66
אַ מעשה'לה ... 68
אויגען אין דער ווייטקייט ... 70
טרוימען ... 72
אומגעדולדיג ... 73
לאַנגווייל ... 75
דער פּאַרמעסט ... 76
ווען די יוגענט רוקט זיך אַוועק ... 77
דער דיאַלאָג פון אַלטען און נייעם יאָר ... 78
דער כּח פון אַ טרייסט וואָרט ... 80
„די צושטערער פון בילדונג" ... 81
דעס. 26 — 1968 — אַלע האָבן געשוויגען ... 83
בענקשאַפט ... 86
דער כּותל-מערבי ... 87
די וואָג-שאָל פון גערעכטיקייט ... 89
דער מאַב ... 91
עקספּאָ — 67 ... 93
צייט ... 96
פרייהייט ... 97
ווען איז דער חלום אַ שיינער ... 99
דערגרייכונגען ... 101
אין דער שטילקייט פון נאַכט ... 102
די געהיימניספולע שיפען ... 103

אינהאַלטס (פאָרטזעצונג)

לאַמיר האָפֿען ... 105
זון אונטערגאַנג ... 107
הערבסט ... 109
א אידעאַל ... 111
דער טעות ... 113
דער יאַגד סעזאָן און ביקסען ... 116
אפֿים איז דאָרט דער מער מיט די טישען ... 118
גענויע אויפּפּאַסונק ... 120
שוין צוריק געקומען ... 122
וואַקאַציע ... 124
שוין צייט ... 126
דאָס ליד פון פרייהייט ... 127
אויסדויער ... 129
די נאַכט אין חיפה ... 130
ווען דער שלאָף קומט ניט ... 131
אין עראָפּלאַן ... 132
יוגענט און חלומות ... 133
שטימונגען ... 134
גערעכטיגקייט זיגט ... 135
דער טיפער איינדרוק ווען קוקסט אויף דעם כנרת ... 137
דאָס ליד פון האָפֿנונג ... 138
שונאים ... 139

מאנטאג נאוו. 30, 1970

דער חנוכה־פעסטיוואל
אין מעדיסן סקווער גארדן

דער טיפער איינדרוק וואס דער
גראנדיעזער ספעקטאקל האט
אויף מיר געמאכט

געקומען זיינען מיר מיט
דער משפחה און פילע פון אונזערע פריינט
בייצוואוינען דיא הערליכע פארשטעלונג
פון חנוכה פעסטיוואל

דאס דינט ווי א באשטעטיגונג
פון טיפע געפילן
וואס בינדט אונז אלעמען מיט ישראל

געשטראמט האט מען פון נאענט און פון ווייט
געגאנגן איז מען אויף עסקלייטארס
דורך אומצאליגע טירן
און געפאקט איז געווען דער ריזיגער
מעדיסען סקווער גארדען
מיט א צוואנציק טויזנט קעפיגן עולם
כן ירבו

און געפלאטערט האט דיא בלוי ווייסע פאהן
זייט-ביי-זייט מיט אונזער אמעריקאנער פאהן
ווי א סימבאלישע צייכן אז זיי שטייען נאענט

און ס'ווילט זיך טאקע האפן ווייל מיר זענען שוין צופיל
געפראווט געווארן
אז זיי זיינען נאענט אין דער גורל'דיגער שעה
און אויף געשפילט האט
פייערליך דער ארקעסטער דעם אמעריקאנער הימן
און דער התקוה.

האָט דער ריזיגער עולם מיט געזונגען
מיט אַזוי פיעל הארץ מיט אַזוי פיעל נשמה
אַז ביי פילע האָט געגלאַנצט אַ זעלטענע טרער אין אויג
און ס׳איז אוממעגליך דאָס איבערגעבן
אין ווערטער
ווי דריקט מען זיך אויס אין ענגליש
SEEING IS BELIEVING

דער ספעקטאַקל איז געווען רייך
אויף אַלע געביטן
און אָפּערע און חזנות און
פאָלקס געזאַנגען און באַלעט דענסינג.
און אויך אין ישראל טענץ אין וועלכע זיי האָבן זיך זייער
אויסגעצייכנט און געקראָגן האָבן פיל אַפּלאַדיסמענטן
דער האליוודער אקטיאָר עדווארד דזשיי ראבינסאָן
האָט אין אַ זאַפטיגן יידיש
צוגעטיילט כבוד צו דער הונדערט יאָר יידישער פרעס

ס׳האָט דיר ווירקליך פאַרשאַפט
אַ נחת־רוח אַ גייסטיגען גענוס
ווייל אײנטייל האָבן דאָרט
גענומען זייער באַוווסטע באַגאַבטע טאַלאַנטן.

ווען איך האָב פאַרצייכנט די דאָזיגע
שורות איז דאָס פאַר רעכנט
ביי מיר וויא אַ זעלטענע דאָקומענט.

און ווי אַ באַשטעטיגונג דאָס אָנגעהעריקייט
פון פאָלק ישראל — צו ישראל
און געבעטן און געברויזט האָבן שטאַרקע געפילן
אין מיין הארץ אַז ווי פיל צרות
ס׳שטייט נאָך פאַר דעם יידישן פאָלק
זאָל זי אַרויס אַ געשטאַרקטע
און אַז לעבן זאָל דאָס יידישע פאָלק
כי עם ישראל חי.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט

אַ שטומע שטילקייט
אַ לבנה אַ פולע
אַ הערליכע נאַכט
מיט צויבער אָן געזאַפּט.

האָט אַ שטערנ׳דל אויפגעלויכטן
אין בלויען הימעל
אַלץ אַרום איז שוין איינגעשלאָפן
מיט אַן אָנגענעמען זיסן דרימל.

נאָר מיר אליין שלאָפט זיך עפּיס ניט
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
ס׳ווילט זיך בלויז בלייבן
אין טיפער שטילקייט פאַרטראַכט.

און ס׳טראַכט זיך וואָס פאַר אַ ריזיגער
קאָנטראַסט פון די שוידערליכע געשעהנישען
צו אזא וואונדערליכע אידיליע
פון אזא פּרעכטיגע נאַכט.

אין אזא צייט ווען אויף דער וועלט גיסען זיך
טייכן בלוט אויף די פראָנטן
אין אַ צייט ווען אַ מענטשענס לעבען אפילו אין דערהיים
איז הפקר

ווען געגומען האָט דורות ווערטפולע
אינסטיטוציעס עטאַבלירען
די אומפאַראַנטוואָרטליכע עלעמענטן
אין איין אויגן בליק אַלעס זיי צושטערען.

אין אזא צייט ווען ס׳איז שווער צו באַגרייפען
דאָס שוידערליכקייט דעם אומזין
פון אַזעלכע געשעהענישען.

דעמאָלט מיט אַ געבעט
צום אַלמעכטיגן גאָ-ט זיך ווענדן
גיב מיר כח גיב מיר אויסדויער
דאָס שלעכטע איבערלעבן.

גיב מיר צוטרויען צו דער מענשהייט
מיין גלויבן נישט אָנצווווערן
זאָל אונזער יידישער שטודירנדע יוגנט, וואָס מאַנכע זיינען
אויסגעליידיקט פון יידישן וויסן, און בלינדערהייט זיי
שטעלן זיך אויף דער זייט פון דעם שונא און ניט
שימפען זאָלן זיי ליבער קעמפן פאַר יידישע
אידעאַלן.

נס חנוכה

ס׳איז מיר נישט אויסגעקומען צו זאָגן עפּיס וועגן חנוכה. ביי מיר איז דאָס נישט בלויז אַ טראַדיציע. ס׳איז פאַררעכנט ביי מיר ווי אַ חוב אַ פליכט וועגן דעם צו רעדן אין די טעג פון חנוכה. דאָס ווערט אויך אַריינגעשריבן אין מיין ספר הזכרונות IN MY BOOK OF MEMORIES ווייל איינגעקריצט איז דאָס נישט נאָר אין מיין זכרון נאָר טיף אין מיין האַרצן.

און מיט וואַכען פאַראויס הערט מען אויף דער ראַדיאָ און טעלעוויזיע THE MIRACLE OF CHRISTMAS הערט נאָר אַ מעשה: אבי מיר האָבן געדענקט אַז מיר האָבן גאָר די חזקה אויף מיראַקעלס. ווי דען אַנדערש? מיר לעבן דאָך תמיד אויף ניסים.

און ס׳טרעפט נישט זעלטן
אַז קריסטמעס און חנוכה פאַלן אוים כמעט
אין איין אין דער זעלבער צייט.

געווען האָט אַ גאַנץ היבשע צייט
צו באַזייטיגן דעם קריסטמעס בוים
פון דער יידישער היים
ווען מען האָט צו אַזעלכע לייט

אַ פּשוטע פראַגע געשטעלט
וואָס אייגענטליך פאַר אַ שייכות
האָבן מיר מיט דער יאָלקע מיט דעם
אַזוי גערופענעם בוים.

האָבן זיי זיך פאַרענטפערט אַז
קיין באַזונדערן מיין איז
טאָקע דאָ נישט פאַראַן נאָר וואָסזשע דען?
ס׳איז בלויז די קינדער צו פאַרווילן.

איז וואָס הערט זיך עפּים מיט
אונזער חנוכה? ער איז דאָך
היסטאָריש אַזוי רייך פאַר וואָס טאַקע
זיך נישט נעמן די מי

דעם נס חנוכה פאַר די קינדערלעך דערציילן
דאָס חנוודיגע דריידל מיט די
אותיות 4 נ־ג־ה־ש נס גדול היה שם
ד.מ. אַ גרויסער נס איז דאָרט געשען.

היינט צו טאָג איז דאָך דער נס אַ דאָפּעלטער
מיר האָבען צוריק געווינען אונזער לאַנד ישראל
און גאָר אַנדערע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן.

קינדער לאָזן זיך מער נישט פאַר
רעדען דיא ציין — זיי פאָדערן און
מאָנען ביי די עלטערן דעם אינהאַלט
פון דער רייכער יידישער היסטאָריע
דייטליך זיי דערקלערן.

און ס'איז אַ באַשטעטיקטער פאַקט
אַז אין געוויסע לענדער איז
אויפגעוואַקסן אַ יונגער דור
פון קיין יידישער דערציאונג
קיין אַנונג נישט געהאַט.

ווייל די פינסטערע כוחות דערצו ניט דערלאָזט
און ס'איז אַבסאָלוט נישט באַוווסט
דורך וואָסערע וועגן זיי נישטערן
זוכן — און געפינען אַ וועג גייסטיג
יידיש זיך אויסצולעבן.

טאַקע איין מאָל אין יאָר די גאַנצע יוגנט
טאַנצן שמחת תורה אין די גאַסן
זיי ווייסן אויך אַז זיי קענען ליידן שפּעטער
פון ביטערע קאָנסעקווענצן, פאַר אַ מוסטער קען מען
זיך נעמען ווי גראַנדיעז מ'האָט

געפייערט דעם חנוכה פעסטיוואל
אין מעדיסען סקווער גארדען
אזן נישט נאר איבער דער גרויסער ניו־יארק
נאר איבעראל ווי יידן זענען נאר פאראן.

איז לאמיר טאקע נישט צו ווייט אוועק
אין באטראכטן די יום טוב'דיגע שטימונג
אין אונזער קלוב 6, איך דענק אז ס'וועט
גאר נישט זיין קרום פון מיין זייט.

אז איך זאל אייך אלעמן ווינטשן
אז מיר זאלן דערלעבן איבער א יאר
אזן ווייטער פייערן אונזער יום טוב חנוכה
אויף נישט קיין ערגערען שטייגער שענער האט דאך
גאר נישט קיין שיעור.

געשעענישען

באַוואוגן צו שרייבן די שורות האָט מיך דערמאָנט, אין אן ענ־ליכע געשעעניש וואָס ס׳האָט פּאַסירט ביי אונז מיט 5 יאָהר צוריק. איך מוז דאָס אונטערשטרייכן אַז דער קאָנטראַסט איז זייער אַ גרויסער. כדי צו מאַכן קלאָר דעם קאָנטראַסט צווישן די צוויי געשעענישן, האָב איך אָפּגעזוכט מיין בוך ווי אַלעס איז דאָרט געווען פאַרשריבן.

איך שרייב יעצט וועגן דעם וואָס ס׳האָט פּאַסירט זונטיק פעברואַר 7, 1971, 15 מינוט צו 7 אין אָוונט. פּלוצים האָט די טעלעוויזיע אויף געהערט צו פונקציאָנירן. האָב איך געמיינט אַז עפּיס איז קאַליע גע־וואָרען אין מיין סעט — אָבער נאָך אַ פּאָר מאָל דרייען אַ הין און אַהער, פאַרמאַכט דעם סעט, און געעפענט דעם ראַדיאָ און דאָ האָב איך באַלד דערהערט אַז געטראָפן האָט אַן עקספּלאָזיע אין דער אַר. סי. איי. בילדינג און דער ענין איז זייער אַ קאָמפּליצירטער. זיי אַרבעטן אויף אַלע כלים צו טון דאָס בעסטע וואָס זיי קענען. מיר זאָלן שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער ראַדיאָ וועלן מיר וויסן ווי מיר האַלטן אין דער וועלט. און דאָ האָט די נאַטור אויך געשפּילט איר ראָלע. ס׳האָט זיך אַרונטער געלאָזט אַ שטורמדיגער שלאַקס רעגען געמישט מיט שניי. מענטשען זענען געבליבען געשטראַנדעט אין סאַבוויים, באַנען, עלע־וויטאָרס, און ווען זיי זענען ענדליך אַרויס געקומען אויף די ניו־יאָרקער גאַסן, זענען זיי געבליבן אין טיפער פינסטערניש נאָר חושך מצרים. היינטיגע צייטן האָט מען מורא אַפילו ווען ס׳איז ליכטיק. מ׳קען זיך גרינג פאָרשטעלן ווי אַזוי די מענטשן האָבן געפילט. איך דענק אַז די מוויס וואָלטן זיך ניט געקענט מאַכן קיין בעסער שטיקל אַרבעט. און דאָ וויל איך באַמערקן אַז דאָס וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט 6 יאָהר צוריק — איז בלויז געווען עט־וואָס ענליך צו דער יעצטיגער פּאַסירונג —דער קאָנטראַסט איז אַ ריזיגער—ווייל דעמאָלס האָט מען נישט געוווסט די אורזאַך פאַרוואָס ס׳איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזאַ פינסטערניש ווייל ס׳איז נישט געווען קיין מעגליכקייט דאָס אויף צו קלערן — ווייל ס׳איז נישט געווען קיין טעלעפאָנישע קאָנטאַקט, קיין טעלעוויזיע, קיין ראַדיאָ, און דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט. און דערצו האָט דאָס געטראָפן אין מיטן דער וואָך—דעמאָלט ווען מענטשן פאַרענדיקן זייער אַרבעט און לאָזן זיך אַהיים גיין. דערפאַר זענען מאַנכע פאַרבליבן אין די אָפיסעס, עלעווייטאָרס, סאַבוויים און באַנען. דאָס נישט וויסן וואָס ס׳איז געשען מיט אייגענע לאָזט זיך גאָר נישט איבערגעבן.

און דאָ טאַקע האָב איך זיך דערמאָנט וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט אַ 6 יאָר צוריק. איך האָב אָפּגעזוכט מיין בוך אויף געמישט מיין פּאָעמע וואָס איך האָב דאַן געשריבן. אַ געשעעניש נאָוו. 9, 1965.

געשען איז דאָס מיט מיר אַ מאָדנע זאַך
געבענטשט האָב איך ליכט
נישט איין מאָל נאָר צוויי מאָל אין איין וואָך.

געטראָפן האָט דאָס אין אַ דינסטיק
אַקוראַט 27 מינוט נאָך פינף
אויסגעלאָשן דאָס ליכט
אין פינסטערניש איין געהילט.

אַנגענומען דאָס פאַר אַ צייטווייליקער
דערשיינונג — אָבער נאָך אַ קורצער
ווײַלע — ווען פאַרשווינדן איז דאָס ליכט
זיך איבערצייקט אַז דאָס פינסטערניש
איז געוואָרען אַ פאַקט.

הערשט דאָן איז מיר געקומען אין זינען
וועלן מיר דאָך מיינע שבת ליכט
גאַנץ גוט צונוץ קומען.

און געוואָרפן האָבן די ליכט אַ הימליכן
גלײַכצײַטיק אַ געהיימניספולן סודות׳פולן שײַן
אײַנגעטוליעט זיך אין מײַן ווייכן שטול.

מײַנע בליקען געווענדעט זענען געווען אַהין
ווי אַ הורך מײַן פענסטער
אַ בלאַסע פולע לבנה אַרײַנגעלאַכטן
דאַגעגן די ריזיגע מעטראָפּאָליע
אין טיפער פינסטערניש פאַרבליבן.

ווי זלידנע פליגן האָבן מיך גאָר
נישט קיין פריילעכע געדאַנקען געמאַטערט
און אַ שיעור — דורכאַנאַנד געטראַכט
וועלכע בייזע האַנט האָט דאָס קאַליע געמאַכט?

אָדער פילײַכט מעכאַניש אַ טעות אַ דעפעקט
אָבער ווער ווייסט צו וועלן מיר אַמאָל
דעם ריכטיקן אמת געוויר ווערן
דאָס רעטעניש ווער פאַר אונז
אויס פלאַנטערן דערקלערן.

איז ווי אַזוי האָט גאָר אַזאַ קאַטאַסטראָפע
געקענט געשען? צום באַדויערן איז דאָס
אַזוי געווען ס׳זאָל זיך שוין אַזוינס מער
נישט טרעפן ווי ס׳האָט געטראָפן
דאָס אַליין צייגט ווי ווייניק מיר האָבן אין 1965 דאַן
פאַרשטאַנען — דערפאַר זיינען מיר דאַן פאַרבליבן אַזוי
געפּלעפט און פאַרווירט.

דערווייל האָב איך אָנגעקלאַפּט אין מיינע
קריסטליכע שכנים׳ס טיר וואָס האָבן דאַן געווינט
אויף דעם זעלבן פּלאַץ צוזאַמען מיט מיר
און איך האָב זיי פאַרגעלייגט מיינע שבת ליכט.

אך ווי דאַנקבאַר זיי זיינען מיר געווען
און געוואונדערט האָט זי זיך די שכנה צו מיר מיט די
פאָלגענדע ווערטער — הא יעצט זעה איך מרס. גאָון אַז
איר זענט טאַקע אַן אמתר פריינט.

און איך האָב איר דאַן געענטפערט מיט די
פאָלגענדע ווערטער:
אַז אַ פריינד איז דער נישט ווען
ער קומט ווען ס׳איז פריילעך און ליכטיק
נאָר ווען ס׳איז אויך אומעטיק און פינסטער.

הא זאָגט זי מיר: אבי מיין
גלח דער פריסט אַלע זונטאָג ער פריידיקט
אַז די אומגלויביגע די פאַרשאָלטענע
טאָר מען נישט גלויבען, זיי זענען פאַלש
נישט אמת.

נו איך מוז צו געבען — זיך אַביסעל
פאַרטראַכט געקניישט דעם שטערן
ס׳האָט מיך ביז אין דער זיבעטער ריפּ
געשטאָכן.

אבער איך בין איר דאָך קיין ענטפער
נישט שולדיג געבליבן
און געזאָגט האָב איך איר דאַן מיט
די פאָלגענדע ווערטער

אז דאָס פאַטערל דער פריסט אירער
הויבט נישט אָן צו וויסן
וואָס דער אמת איז ער אליין ווידער
איז פול מיט פאַלשקייט
פונם קאָפּ ביז די פיס.

האָפֿנונג און גלויבן

העל באַלויכטן געווען דער זאַל
אַלע טישן ווייס געדעקט
אַ יעדער אויף זיין אייגענעם שטייגער
זיך פֿאַרווײַלט די געסט

אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט
דאָ און דאָרט האָט מען גערעדט
זיך דערציילט פֿון דורכגעמאַכטע
רייזעס פֿון נאָנטע און פֿון ווייטע

פֿון פֿראַכטפֿולען זון אונטערגאַנג
פֿון דורכזיכטיקע בלויע הימלען
פֿון מילדע וואַרימע ווינטן ווי
אויך פֿון קאַלטע פֿון שענע ליכטיקע
טעג ווי אויך פֿון כמאַרנע
אָבער גאָר אינטערעסאַנט ווערט
דערציילט וועגן איינזאַמע שיפֿען
וואָס וואַגלען איבער ברייטע ווייטע ימים
וואָס פֿון שטורם זיי ווערן געשליידערט
ווי שפּענער

און כאָטש די וועלט איז אַזוי גרויס
צו קיין ברעג מ׳לאָזט זיי נישט צו קיינער
און אַ שרעק קוקט אַרויס פֿון צושראָקענע
מידע געזיכטער פֿון באַטריבטע געמיטער

וואָס קוקען זיך אום די אויגען
און האָפֿען אַז ווען עס איז
צו זייער אוים געחלומטן ברעג
זיך דערשלאָגן

און נאָך פֿילע טעג און נעכט
פֿון וואַגלען אויף די צוברויזטע ימים
לאַנגזאַם געאַנקערט די שיף
געבראַכט זיי צו זייער ברעג בשלום

און איינגעגעסען זיך מיט דעם בליק
העט-העט אַרויף אויבן
זוי געפלאַטערט האָט די
ווייס בלויע פאָן
אָנגעזאָפּט מיט טרערן זיינען די
אויגען געוואָרן איבערפולט
דאָס הארץ מיט ברוזענדע געפילן

פון האַלז האָט זיך געריסן דאָס
באַליבטע ליד וואָס אין ביטערע
צייטען ברענגט דאָס אונז טרייסט
עוד לא אבדה תקוותינו
אונזער האָפנונג נישט געגאַנגען פאַרלוירען
כי נצח ישראל לא ישקר

געדאַנקען און שטימונגען

ס׳רוישן דיביימער
די בלעטער זיי שאַרכן
ווי זיי רוימען זיך איין אַ סוד אַ טיפן.

און ס׳הערט זיך אַ פלוסטער
ווי פון טויזנטער מיילער
זייט נישט פאַרצווייפעלט
האַלט זיך אין איינעם.

מיט געמיינזאַמע כוחות וועלן
מיר ביישטיין די אָנקומנדע שטורמס
אויסמיידן דעם בייזן געוויטער.

טראַט-ביי-טראַט מיט געביילטע פויסטען
זיך ווייטער מאַכן אַ וועג
וואָס די שונאים מיט שטיינער און פעלזען
אַלע מאָל פאַרלייגן זייער וועג.

זיי וועלן ווייטער נישט ווערן מיד
און אויפגעבן זייערע לעבנס
פאַר זייער שווער אויסגעקעמפּט לאַנד
— און די שונאים זיי ווערן
גאָרנישט ווייניגער
פאַרקערט זיי האַלטן
זיך גאַר אין איין מערען.

אַקוראַט ווי גיפטיקע שוואָמען
נאָך אַ וואַרימען זומערדיקן רעגן.
אָבער ווי זאָגט מען — היט מיך
ג־ט פאַר די שונאים
פאַר מיינע פריינד וועל איך
מיך שוין אַליין היטן.

פון די אזוי גערופענע פריינד
אוּן פון זייערע עצות, ווילען
זיי אונז בוכשטעבליך דערשטיקן
מיט זייערע פארשטעלטע
דיפלאמאטישע צווייד״טיקן מיין.

אבער ווי זאגט זיך דארט אין תהלים
זאלסט זיך קיינמאל נישט פארלאזן
אויף א מענטשנ׳ס גענאד
ווייל כי לא ינום ולא ישון
שומר ישראל
ווייל ווי קריטיש די צייט זאל נישט זיין

טארן מיר אונזער גלויבן
און האפנונג נישט פארלירן
און דער רבונו של עולם וועט
ווייטער האלטן זיין רעכטע האנט
און ס׳וועט זיך האפן און גלויבן
אין דער צייט פון באפרייאונג
איבער זיין געפלאקט פאלק ישראל.

די שוידערליכע טאַטן פון אונזערע שונאים

ס'איז שווער אויסצורעכענען
צום וויפילטן מאָל
די שטעל פאַרטרעטער
פון די אויסגעקליבענע פעלקער
דער יו־ען
ווידערהאָלן זיך בסדר
מיט די גיפטיגע רייד
פול מיט האַס און סם
צו דעם אַזוי גערופענעם „אַגרעסאָר".

און פון דעסט וועגן אַן שום שאַנדע
צוגעטראָטן צו זיי
נישט נאָר די צוריקגעשטאַנענע
אַזיאַטישע פעלקער
נאָר די פאָרגעשריטענע לענדער.

איך וועל זיי נישט שאַנעווען
נאָר אָנרופן ביי די נעמען
פראַנקרייך און ענגלאַנד.

און די יו־ען באַנוגינט זיך ניט בלויז
מיט שימפן אויסטראַכטן כל־ערליי
בלבולים נאָר זי זוכט באַשטראָפן
טאַדלען ישראל

ווייל ישראל וויל נישט פאַרשווייגן
אירע אומשולדיגע קרבנות?
און דערפאַר באַצייכענען זיי ישראל דער אַגרעסאָר?
צו די לעצטע שרעקליכע געשעענישן
באַשטייט אין דעם
וואָס יונגע קינדער זיינען אין באַסעס
געפאָרן אין די שולן.

נישט חלילה צו ברענגען לערן אנשטאלטן און האקן שויבן
נאר אנגען מיט זייער שטודיום.

האט מען אן רחמנות אונטערגעלייגט
באמבעס —אומגעבראכט אזוי פיל אומשולדיגע
יונגע לעבנס, פארוואס?

אין אזא שווערער מינוט האב איך
אין גרוים צער און ווייטאג
אויסגערופן רבונו־של־עולם
עד מתי — ביז וואנעט וועסטו שווייגן?

און איבערלאזן דיין פאלק
צו אזא שווערן נסיון?
און דער ענטפער איז געווען
אין אונזער יידישן אני מאמין.
מיר מוזן הייסט דאס גלויבן
אין ישראל׳ס אויסדויער.

מיר זיינען טאקע נישט פיל
אין צאל — אבער אין
זייער מח — ליגט אויסדויער — און כח.

אויף וואַסערע וועגן מאַנכע נוצן אויס
אונזער דעמאָקראַטיע

ווען אויסגעקומען אַ דיסקוסיע פירן
מיט די אַזוי גערופענע פריינט
געפרוּבירט זיי איבערצייגן
ווען מען לעבט אין אַ פרייע לאַנד
מיינט נאָך נישט אויסנוצן
די געבענטשטע פרייהייט
פאַר פאַלשע לאָזונגען און ביליגע פראָפּאַגאַנדע.

מ׳דאַרף אומבאַדינגט ווי ווייט מעגליך
צוימען די ווילדע אינסטינקטן
יענעמס פאַרמעגן און געפילן טאָלערירן

פון וואָס די אויבן דערמאָנטע לייט
האָבן זיך געהיצט און געליאַרמט
וואָס הייסט עפּים מ׳וועט זיי לערנען
ווי זיך אויף צופירן?

דאָ איז אַ דעמאָקרטיע
פרייע בירגער
און קיינער קען זיי נישט שטערען
אין דער זאַך

זיי וועלן אפילו מאַסנווייז
צו די ווייסע מויערן
גלייך צום קעפּיטל מאַרשירן.

און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט
נישט באַנוגענט בלויז מיט רייד
נאָר געוויזן וואָס זיי קענען.

אנגעווענדעט אַ צושטערישן כח
גע‏פלונדערט געברענט
ריזיקע פאַרמעגנס אַוועק מיטן רויך
דעם פרייען לאַנד אין פנים געשפּיגן
די בירגער פּאַפּירן צוריסן.

דעזערטירט גאַנץ ווייט אַזש
צו די ווייסע בערן
אונטער דעם אייזערנעם פאַרהאַנג
אָבער מערקווירדיק, ווי נאָר זיי
האָבן דעם פרעמדן באָדן באַטראָטן
אַזאַ אייז קאַלטע אויפנאַמע באַגעגנט.

אַזש ס׳האָט זיי אָפּגענומען דאָס לשון
אויף אַ גאָר אומהעפליכען אופן
זיי געגעבן איינפּאַך צו פאַרשטיין
אַז דאָ — נעמט מען נישט קיין — באַפעלן
נאָר מען גיט.

און כאָטש זיי האָבן אויף אַזאַ
מיאוסן וועג זייער פריי לאַנד פאַראַטן
מאַכט מען פון זיי נישט קיין אויסנאַם.

אַלע לערנען זיך דאָ אויס
צו שווייגן און גען אין שפּאַן.

מיט אַמאָל האָט זיך ביי די גרויסע העלדן —
וואָס דאָ ביי אונז האָבן זיי געקערט וועלטן
פאַרלוירן געגאַנגען
דער קוראַזש די חוצפה
אויף אַזאַ קבלת־פנים
זיך גאָר נישט גערעכט.

און אומבאַקאַנטער שרעק און פחד
אַרויס געקוקט פון זייערע אויגן
און הלוואי וואָלטן באַצייטנס זייערע
חברים לערנען אַ מוסר השכל.
זייער אייגן לאַנד נישט פאַראַטן
זייער פרייהייט מיט די פיס נישט טרעטן.

פרילונג

איז געקומען שוין דער פרילונג
און פאַרשוווּנדן שוין די קעלט
שטייען אַלע בוימער גרינע
און צוגעקערט אויך דאָס פעלד

מילדע ווינטעלעך גלעטען דיין געזיכט
די גאָלדענע שטראַלן
פון דער זון בלענדען דיינע
האַלב פאַרמאַכטע אויגן.

דו ביזט פאַרוועבט ווי
אין אַ חלום — אונטער דעם צויבער
פון דער פּרעכטיגער נאַטור.
ענדליך געקומען שוין דער פרילונג
פון זיין קאַלטן שלאָף אויף געוואַכט
מיט זיין צויבער
מיט זיין פּראַכט.

שטייען אַלע בוימער גרינע
אין מיין גאָרטען זיך
צובליט אַלע בלומען
און קאָלירן פאַרבנרייך.

און ס'הויערט אַ הימעל אַ בלויער
דורכזיכטיק ווי קריסטאַל
און ס'פּלייצען
זונען שטראַלן.

גינגאָלדיגע שפּיזען ווי אַ קרוין
פון ענציקונג
וויא פאַרכישופט מיט האַלב
פאַרמאַכטע אויגן.

מיינע ליפּן אין שטילקייט זיך באַוווייגן
אין אַ געזאַנג: און אַ תּפילה — אַ שיר
אַן אויסרוף צו דער נאַטור.
קומט איר ווינטעלעך איר
שטילע קומט איר
ווינטעלעך גאַר קילע.

קושט און גלעט מיך
מאַכט מיך פריש
מאַכט כאָטש אַיין מינוט
מיין רו מיר זים.

אויך די קינדער פון אונזער דור האָבען רעוואָלטירט, אָבער אויף אַ סאָלידען פילאָזאָפישען שטייגער.

ס'שטימט נישט

אַ יידיש קינד ווען אין חדר נאָך געגאַנגען
פול מיט פראַגן געווען
אַ זאַך וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען

זיין קינדעריש קעפּעלע אָנגעפילט מיט זאָרגן
גאָר נישט פאַר זיינע יאָרן
אָן ענטפער אויף זיינע פראַגן
זייער יונג פון לעבן אליין געקראָגן.

געלערנט האָט מען אים אין דערהיים
ווי אויך אין שולע
זיין געהאָרכזאַם און נישט ווילד
ווי ס'פּאַסט פאַר אַ יידיש קינד.

פאַר אַ ביישפּיל האָט מען אים דערציילט
אַז געשריבען איז אין די הייליגע ספרים
אַז קומען וועט נאָך אַ צייט

באַנוצן וועט מען מער נישט
קיין שפּיז קיין שווערד
און פאַשן וועט זיך אפילו
אַ שעפּעלע מיט אַ לייב.
אַלע וועלן לעבן פריי און פראַנק
זיך אפילו קענען שפּילן מיט אַ שלאַנג.

אויסגעהערט דאָס שיינע מעשה'לע
געפעלן איז דאָס אים גאָר אַ פּראַכט
אַרויסגעטאַנצט אויף איין פיסעלע
געגאַנגען זיך שפּילן אָן פאַרדאַכט —
אין זיין קינדעריש קעפּעלע האָט גאָר
געאַרבעט מעשים — זאָל ער נאָר
גרעסער ווערן

ווייסט ער שוין — וואָס ער וועט דאָ
אַלץ אויפטאָן.
ער וועט גאָר זיין איינער פון די
העלדן פון תנ"ך וואָס הערשט
געלערנט אין חדר

פון היינט אָן ווייטער וועט ער שוין מער נישט
מורא האָבן פאַר די שקצימליך
וואָס שטענדיק מיט שטיינער אים באַוואַרפן
און אויך זיין ליב קליין שוועסטערל פאַרפאָלגן
און זיין יונג הערצעלע שפּרודלט
מיט אַזאַ גרויסער פרייד
ער וועט זיך גאָר פאַרוואַנדלען
אין אַ שמשון הגיבור.

אַט פונקט אַזוי וואָס ער האָט היינט
געלערנט אין חדר — און ווי די שונאים
די פלישתים
האָבען געציטערט פאַר זיין דוך
אַט רופט ער זיין שוועסטערל זיסעלע
וויל מיט דער געשיכטעלע
זיך טיילן.

אַזוינע טשיקאַווע זאַכען האָט ער
היינט געלערנט אין חדר

אַבער וואָס'זשע ביזטו אַזוי
פאַרוויינט זיסעלע
און ווער האָט דיר צובלוטיקט
דאָס נעזעלע?
דוא ביזט דאָך אַזאַ שטיל קינד.

און ווער האָט דיר ווי געטון
מיין קליין מיידעלע?

און מיט פאַרטרערטע אויגעלעך
זי דערציילט
אז געשלאָגען האָט זי דער שכן
דער שייגעץ דער איוואן

אנגערופען זי מיט אזעלכע שלעכטע נעמען
אזא גראביאן — גאר קיין שלעכטס
אים געטאן — בלויז זיך שפילן
גערופן אים
ארויסגעיאגט זי גאר אין גאס
מיט אזוי פיל צארן און האס.

נו שא וויין נישט מיין קליין שוועסטערעל
אנשטאטיסען וועסטו זיך שוין שפעטער
דערווייל ביזטו נאך גאר קליין
אלעם צו באנעמן און פארשטיין

און כאטש ער אליין האלט זיך שוין
פאר א גרויסן
שטימט עפים ביי איהם נישט דער חשבון.

וואס פלאפלן זיי דארטן דיגרויסע?
אז קומען וועט נאך א צייט
ווען זיין וועט מען פריי און פראנק.

נישט אמת איז די גאנצע מעשה ס'הויבט זיך גאר ניט אן
דערווייל ווערסטו צו א יעדער צייט
געביסען פון א גיפטיקער בייזער שלאנג.

ערֿאינערונגען

דאָ נישט לאַנג צוריק צו גאָר אַ
געהויבענע אונטערנעמונג געלאַדן געוואָרן
זיך גאַנץ פיין אַמוזירט, ווייל אַ
גייסטיקן גענוס האָט דאָס דיר פאַרשאַפט.

ווי שיין מ׳האָט דאָרט געטאַנצט
איז דאָס געזאַנג געווען נאָך שענער
די מעלאָדיען האָבן זיך געגאָסן
מיט הערליכע האַרמאָנישע טענער.

די לידער האָבן דיך דערמאָנט
אין ערטער, און דיך פאַרטראָגן
אין שוין לאַנג פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן
און אַזאַ בענקשאַפט כאַפּט דיך אַרום.

און ס׳טוט אַזוי באַנק, ווייל אַרומקוקען
זיך נאָך גאָר נישט באַוויזן
ווי אַלעס איז פאַרפלויגען פאַרשווינדן
און מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן
וויא אין אַ ווינדערליכע סינעמע
די בילדער זיך בייטן.

אַנגעפיקעוועט מיט אינאַלסטרייכע פאַסירונגן
אויסטערלישע געשעענישן און עפּיזאָדן
און דו זעעסט אַזוי אַלעס דייטליך און קלאָר.

אַט ביזטו נאָך גאָר אַ קליין מיידעלע
מיט לאַנגע געלאָקטע שוואַרצע האָר
אימער מיט שווערע ביכער אָנגעלאָדן.

אין דיינע אויערען קלינגט נאָך דאָס
ליבע מילדע קול, זעע קינד
גיב אַכטונג ווי דוא גייסט
זיי פאַרזיכטיק, זיי נאָר נישט אַזוי

טיף פֿאַרקלערט — ווי דיין געוווינהייט איז
און פֿלי נאָר נישט אין די הימלען
ביי דער אַ באַמערקונג דו שמייכלסט
אַזוי קינדעריש קלוגעריש צו

אָך וואָס פֿאַרשטייען זיי די גרויסע?
וועגן פֿליען, שוועבן אין די הויכן
פֿאַנטאַזירן? דאָס פֿאַרשאַפֿט דאָך דיר
אַ גוואַלדאַוונעם כח די שוועריקייטן
די זאָרגן לייכטער איבערקומען

איינדרוקען פֿון אַ וואַקאַציע אין ישׂראל

ס׳שטייט נאָך דער וואַקאַציע יריד
אין פֿולן ברען, מ׳האַלט אין איין
פֿאָרן אַהער און אַהין.

ווער מיט באָסעס, מאַשינען, שיפֿן, עראָפּלאַנען
אייניגע קלייבן אויס די הויכע גרינע בערג
דאָרט צו פֿאַרברענגען
אַנדערע ווידער — קלייבן אויס זיך
באָדען שווימען — אין די קילע
טיפֿע וואַסערן פֿון ברייטע ווייטע ימ׳ן.

אַנדערע ווידער לאָזן זיך אויף
שיפֿן קרוזן, די מער געוואַגטע
נאָך העכער פֿון כמאַרעס אין
עראָפּלאַנען פֿליען.

און מיט איינמאָל פֿאַרוואַנדלסטו זיך
אין אַ דאָפּעלטער פֿיגור
אַ טוריסט אַ פּאַסאַזשיר — און ווייל
דו שוועבסט אין די הויכע ספֿערן
און ווי באַוווסט איז שוין די טבֿע פֿון טוריסטן
צו זאַמלען אָנדענקען און סוווענירן.

איז טראַכט נישט פֿיל
בלויז שטרעק אויס אַ האַנט און
נעם דיר פֿאַר אַן אָנדענק אַ
סוווניר — אַ ליכטיקן פֿינקלדיקן שטערן.

און אַט האָסטו שוין אַ גאָר ווייט לאַנד
דערגרייכט — מען פֿירט די טוריסטן
איבער קלויסטער און פֿאַרשידענע קירכן
איבער דענק מעלער טעמפּלען און מוזיאומס

מען דערקלערט זיי דאָס שיינקייט פון וווּנדערליכע
מאָלערייען — פון אַ מייקעל אַנזשעלאָ אַ פּיקאַסאָ
און ענליכע זשעניגען.

אָבער דעם טיפסטן איינדרוק
האָט אויף מיר געמאַכט — ווען אַ באַוווּסטע
אַלטע סינאַגאָגע באַזוכט אין ירושלים
גאָר נישט געוווּסט אויף וואָס פריער צו קוקן
ווייל אונזער מייסטער מארק שאַגאַל
האָט דאָרט זיך אַליין איבערטראָפן
פון די פענסטער פאַזע דעם ארון קודש
די אוזאָרן פון בלויען סאַמעט פון פּרוכתן
האָבן זיך אַזוי האַרמאָניש צונויפגעגאָסן.

ווייט אַוועק אין אַ ווינקל אויף אַ
שווער דעמבענעם טיש פאַרשידענע
מאַנוסקריפּטן און ספרים אין לעדערנע
טאָוולן געבונדן.

מיט אַלטע פעדערם אויף עכטען
פּאַרמעט געווען אויסגעקריצט
איך גיב אַ בלעטער אַ מיש
דאָס איז אַן אַלטע אויסגאַבע פון רמב"ם.

אַ גמרא זהר און קבלה
און כאָטש דאָס איז שוין יאָרן יאָרן אַלט
איז דאָס לעבעדיק פריש.

דאָ האָבען דורות לאַנג פאַרבראַכט
געלערענט תורה — געשעפּט פון אַ לעבעדיקער
קוואַל — געבעטן און אויך געהאָפט אַז
דאָס זאָל בלייבן פאַר קומנדע דורות
חס וחלילה נישט גיין פאַרלוירן

איך האָב ממש געפילט דעם הייליגן גייסטיקן הויך
דער איינדרוק אומגעהויער טיף — ס'האָט זיך מיר
אַזוי געגלוסט דאָ לענגער פאַרבלייבן.
זיך נעענטער באַקענען מיט די אויסגאַבן
מיט די פאַרשידענע שריפטן און זעלטענע

כתב־יד׳ן אבער ווי אַלעם אין לעבן
איז מיין וואַקאַציע אויך געקומען
צו אַן ענד — און אַט געפין איך זיך שוין
אויף דעם קענעדע לופט פעלד

מיט טשעמאַדאַנעס און וואַליזען אַרום געשטעלט
און נאָך אַ לאַנגער אָבוועזנהייט
איז אַזוי אָנגענעמען צו באַטרעטן
ווידער די היימישע ערד.

איך דערנענטער זיך צו דער היים
און כאַטש פאַרן אָפּרייזען אַלעם געלאָזט
זויבער ריין — האָט דער שטוב געטאָן זיינס
זיך געלאָזט ווילגיין.

זיך צוליקט און צושפּרייט ווי
ביים טאָטן אין ווייַן גאָרטן — כאָטש
נעם מיט אַ פינגער און שרייב דיר אליין
אַ שיין ידידי בריוועלע
דו ביזט דאָך דערוויל טאַקע אַ גאַסט
אָבער נישט מער קיין טוריסט.

ס׳איז אמת מ׳קען נישט לייקענען
אַז דו האָסט זיך מיט אַזוינע
וואונדערליכע זאַכן אָנגעזען

אָבער דאָס אַלעם קען דעם פּלאַץ נישט
פאַרנעמען און פאַרבייטן דיין שיינע
ליבע זיסע היים.

ווער ווייסט

נויג זיך צו מיין ליבער אבּיסעלע
נענטער צו מיר און דערצייל מיר
וואָס אַזוינס האָסטו אין דיין חלום געזען?

האָ! איך זעה שוין ס'איז דיר שווער
נו וועל איך פּרובירען מאַכען גרינגער פאַר דיר.
אַט וועל איך אויך מיינע אויגן צושליסן
אינאיינעם מיט דיר דעם חלום אויסוועבן.

און איך זעע ריזיקע לייטערס
פון דער ערד ביז צום הימל שטייגן
און מלאכים גייען ארויף און אַראָפּ
און ס'הערט זיך אַ געטליך געזאַנג

דאָס טוען זיי פאַרן אלמעכטיקן
שירה זינגען — און זייער געפיל פול
איז דאָס געזאַנג — און ביז צו דעם
כסא הכבוד דאָס דערגרייכט
צו ג-ט'ס ערן שטול

און זינגענדיק אַזוי פרעגט מען
דערביי א שאלה די אייביגע פראַגע
ווי לאַנג וועסטו נאָך שווייגן?
און צוזען די טיפע ליידן
פון דיינע קינדער?

ווי דיין פאָלק ווערט ג'יאָגט און ג'פּלאָגט
און ס'דערהערט זיך אַ דונערענדע שטים
און אַ מעכטיקער אָרעם אויסגשטרעקט

נישט מער פון היינט אָן וועט ער
אין די שונאים נקמה נעמען
פאַר דעם אומשולדיקן פאַרגאָסענעם בלוט
קיין איין האָר וועט ער נישט לאָזן

פון זייער קאָפּ צו דער ערד פאַלן
די שונאים וועלן גאָר אַ הויכן פּרייז באַצאָלן
און ער וועט די געפּייניגטע
פאַרגיטיגן פאַר אַלע שלעכטע יאָרן.

און דאָ האָט ער זיך פאַרהאַקט
און שטיל געבליבן מער נישט געקענט רעדן
דו זעעסט מיין טייערע — איך האָב זיך
פּשוט געשעמט אַזאַ חלום צו דערציילן.

דו האָסט זיך געשעמט?
נישט דו דאַרפסט זיך שעמען
שעמען זאָלן זיך יענע וואָס אַזוינע
אומווירדיקייטן, גרוילטאַטן באַגען.

פונקט פאַרקערט דיר קומט אַ יישר־כח
דו פאַרדינסט פיל קאָמפּלימענטן
אויב עמיצער קען אין איז נאָך פעאיק
אין אַזאַ ווילדער ברוטאַלער וועלט

אַזוינע שיינע חלומות חלומ׳ן איז ווער ווייסט
מיר לעבן דאָך אין אַזאַ צייט—ווען אַזוינע אויסערגעוועגליכע
געשעעענישן פאַסירן — פיליכט קען מען נאָך דערלעבן
אַז די שיינע חלומות זאָלן ווען עס איז מקוים און
פאַרווירקליכט ווערן.

די אַנגעוויטיקטע סיטואַציע
וועגן געמישטע הייראַטן און אַסימילאַציע
די וואָרנונג פון זיידן צו זיין אייניקל

און דערהערט האָבן זיך שטילע איינגעהאַלטענע רייד
פול מיט טרויער אָנגעזאַפּט
דאָס האָט דער זיידע זיין אייניקל
אַ קאָמפּליצירטן ענין דערקלערט.

קינד מיינס פאַרקריך נישט אין
קיין פרעמדע גערטנער
זאָל זיך דיר נישט אויסדאַכטן
פאַר קיין איין מאָמענט
אַז די גראָזן דאָרטן זיינען גרינער
די בלומען פרעכטיגער — שענער
נעם דיר צייט — באַטראַכט אַלעס
מיט אַ וואַכזאַם אויג

וועט דאָס דיר געבן אַ מעגליכקייט
אָפּצושאַצן דיינע אייגענע
טיף פאַרוואָרצעלטעביימער
וואָס פון זייערע קוואַלן קען מען שעפּן
וויסן פאַרשטענדעניש וואָס וועט קלעקן
פאַר קומענדע דורות — אַזוי ווי נאָר
דו טרעטס אריבער דיין אייגענע שוועל

בלאָנדזשעסטו אין דער פינסטער
ווי אַ פאַרלוירן שעפעלע.
דו בייטסט מיט איינמאַל אַלעס אויס
אויף אַ קאַלטער פרעמדער וועלט

מיר ווילן נישט און קענען דיך
נישט פאַרלירן — העלף אונז איינהיטן
אונזער רעליגיע אונזער טראַדיציע
ווייל אונזער פאָלק האָט דאָך
געליטן דעם גרעסטן פאַרלוסט
אין דער געשיכטע
איז העלף אונז ציען דעם המשך.

און שמידן אַ נייעם רינג אין
אונזער קייט — און נאָר מיט אזא
צוגאַנג קענסטו געבן אַ מעגליכקייט
אונזערע שונאים צו באַזיגן.

זיי זיינען דאָך אזוי פיל — און מיר?
דער ענטפער איז זייער
אַ טרויעריגער — מיר אנטקעגן זיי
זיינען ווי אַ טראָפּן אין ים
ביז היינטיגן טאָג האָבן זיי
נישט אויף געגעבן זייער קריגערישקייט
זיי שאַרפן זיך די ציין
אונז צו פאַרשלינגן — מיר זיינען זיי אַלע גרוים אין
די אויגען — און זיי וועלן אַן אומענטשלעכע מיטלן
אונז צו פאַרניכטן
אָבער דער איינציגער וועג איז
אַז מיר זאָלן שטיין צוזאַמען
און מיט געמיינזאַמע כוחות
וועלן מיר מיט גאָט'ס הילף
דעם שונא באַזיגען.

איז פרעג איך דיך מיין קינד
פאַרוואָס זאָלן אונזערע געראָטענע פרות
זיך אָפּרייסן פון די אייגענע ביימער
אונזערע בעסטע פרוכטן זאָלן אריינפאַלן
אין אַ פרעמדן גאָרטן?

אין די הויכע ספערן

מיט גרויס נייגער האָט די מענטשהייט
נאָכגעפאָלגט די יונגע אַסטראָנאָטן
אין זייער אויפשטייג אין זייער פלי.

מיט אַ ציטער אין הארצן אַ תפילה
אויף די ליפּן — צו דעם וואָס לעבט
אויבן — נאָך פיל העכען — פון
די וואָס שטרעבן די לבנה צו דערגרייכן.

זאָל חס־וחלילה זיי קיין שום
שלעכטס נישט געשען
און צוגעשמידט צו מיין טעלעוויזיע אַפּאַראַט
מיט אויסערגעוויינליכער געשפּאַנטקייט
אַבזערווירסטדו דעטאַלן וואָס געשעט
אין דער ווייטקייט — און דאָס איז ווירקליכקייט

נישט עפּעס אַ זאַך וואָס ס'איז אויס
געזויגן פון פינגער — עפּעס פון דער
פאַנטאַזיע אַ פּראָדוקט —די געשעענישן
קען מען באַצייכענען אַלס געשיכטע פון
טויזענט און איין נאַכט
אָבער דאָך איז דאָס שווער
מיטן גראָדן שכל דאָס צו באַנעמן
אַז דאָס מענטשן קינד האָט דאָס
דערלעבט אין זיין צייט מיט די אייגענע
אויגן דאָס אַלעס צו זען און נישט
בלויז זען — נאָר הערן דייטליך זייער קול זייער געשפּרעך
דאָס איז אַן ענין פאַר קומנדע דורות
פאַר היסטאָריקער ריכטיק אָפּצושאַצן
און פאַרשטיין — דעבאַטירן אָן אַ שיעור

ווייל געדענקען מוז מען — וואָס געזאָגט
האָט אַ פילאָסאָפער —
ווען דו ביזט צו נאָענט צום וואַלד
נישט נאָר באַמערקסדו נישט די בלעטער
דו זעעסט דאַן נישט אפילו
דיביימער.

דער שטאַם

האָבן זיך שוין פון ערגעץ
מילדע ווינטעלעך געבלאָזן
שטיל די קאַרשן ביימער זיך געוויקט.

רעשן, שאַרכן, בלעטעלעך גרינגע
בויגן זיך אַזוי נאָענט איינס צום אַנדערן
אַקוראַט ווי אַן ערנסטן סוד
זיי רוימען זיך איין.
זיי קענען נישט פאַרגעסן
דעם ווינטער דעם קאַלטן
אייז, שניי, שטורמס בייזע
אומרחמנות׳דיגע ווינטען.

ווי ס׳בענקט זיך שוין אַזוי שטאַרק
נאָך וואַרימע טעג שיינע
און אַזוי אויפמערקזאַם דער
אַלטער בוים זיך איינגעהערט.

פולשטענדיק איינגעשטימט מיט זיי
ווייל גאָרנישט פון די גרינגע זאַכן
די בייזע ווינטן ביישטיין
אָבער וואָס פאַרשטייען זיי
די ביימעלעך די יונגינקע?

די גרויסע אחריות, די גוואַלדיגע
פאַראַנטוואָרטליכקייט
וואָס ס׳שטייט פאַר דעם בוים
דעם גרויסן דעם אַלטן.

ער מוז אַלע מאָל שטיין אויף דער וואַך
שטאַרקען דעם שורש דעם פונדאַמענט
זיי אויסבילדן אַ ווידערשטאַנד אַ קראַפט
גלייכצייטיק שטאַרקן זייער גלויבן
ביי׳צושטיין דעם נסיון אָנהאַלטן
זייער רעליגיע — זייער טראַדיציע
זאָל זיי נישט זיין פרעמד.

אַז אויף וואַסערע וועגן דער
ווינט זאָל זיי נישט פאַרטראָגן
זאָלן זיי זיך צו אַ יעדער צייט
אומקערען צו דעם בוים, דעם בוים
דעם אַלטן, און בלייבן ביי
דעם אייגענעם אַלטן שטאַם.

ווערט נישט פאַרפרעמדט
„האַלט זיך צוזאַמען"

זעעט נאָר די גרינע צווייגעלעך
ווי זיי ליגען צובראָכן איינס און איינס
אין פאַרטריקענטע ריטלעך זיך פאַרוואַנדעלט.

זיי זענען דאָך גאָר נישט לאַנג צוריק
הויך, פריש און שלאַנק געווען
איז גיב נאָר אַ קוק וואָס פון זיי
איז געוואָרן.

זיי האָבן ווייזט אוים אין גאַנצען פאַרגעסן
אַז אין אחדות ליגט דער כח
די שטאַרקייט פון האַלטן זיך אינאיינעם.

ווען איינער זאָגט גוט מאָרגן
ווערט אים אַ גוטע נאַכט געוווּנטשן
זיי האָבן פאַרלאָרן די פעאיגקייט
פון צוזאַמען רעדן איינגיין
אויף קאָמפּראָמיסן.

דערווייל האָט זיך דער שמוץ
אין אַלע ווינקעלעך פאַרקליבן
אומאָרדנונג, פאַרברעכענס האַלט
אין איין שטייגן.

איז שטייט אויף פון דער
קראַנקער אַפּאַטיע, פון לעטאַרגישען
שלאָף — און נעמט צונויף
די ריטלעך און מיט אויפגעוואַכטער
ענערגיע, אַ שטאַרקן בעזעם אויספלעכטען.

און איין מאָל פאַר אַלעמאָל
פון אַלע ווינקעלעך דעם שמוץ אויסראמען
דאָס הפקרות אויסראַטן
אַ שאָד די צייט
אין ניוועץ ברענגען.

ווי לויטעט דאָס העברעאישע ווערטעל
מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל
ווייל וואָס די צייט קען אַלץ
אויפטאָן — קען דער גראַדער שכל
נישט באַווייזען.

ס׳טוט אַזוי באַנג

אַזוי גראַציעז אַזוי שעען
די פייגעלעך די קלייניקע
זייערע פליגעלעך צחשפרייט

אונטער לויטערע הימלען ג׳סורקעלט
געקרייזט, אין דער לופטן געשוועבט
זאָרגלאָז, שפילעוודיק איבער
צווייגעלעך גרינינקע געהיפערט געטאַנצט.

פאַרהילכט דעם אַרום מיט אַ געטליך געזאַנג
אָנגעפילט די געגענט מיט חן
אונטער אַ וואַכזאַם אויג גלייכצייטיק
שטרענג, אַ יעדער טראָט זייערן געהיט
נישט אָפּנויגן חלילה פון גלייכן וועג.

גוטע זיטן פיינע מאַניערן, גייען אַלע
מאָל האַנט אין האַנט — מיט אַ גוטער
דערציאונג אָנגעזאָפּט.

אונטער אַזאַ השגחה און אויפּפּאַסונג
זענען די פאָלגען געווען מער ווי גוטע
מיט געגנזייטיקער ליבע און רעספּעקט צעמענטירט.

און די צייט שטעט אויף קיין אָרט
די פייגעלעך זיך צופלויגן, זייערע
אייגענע נעסטן געבויט.

און מיט אַ שווינדערלישער שנעלקייט
דער אַרום זיך געביטן
צום באַדויערן צום שלעכטן נישט צום גוטן.

די איינגעשטעלטע רואיגקייט אוועק
אַנשטאָט אײדעלע גענאַנגן, זייער פּלאַץ
האָבן פאַרנומען — מערדערישע איסבּרוכען
ווילדע געשרייען — די געמיטליכע
פייגעל פאַריאָקט אַנגעפלויגען
ווילדע שפּאַרבער זייערע
איינגעפונדעוועטע נעסטן צושטערט.

זיי פאַרשטייען ניט די הייליגקייט פון
באַלאַנגן, דאָס אַנגעהעריקייט
זיי האָבן נישט קיין אַנונג פון בויען
אַלעס איז ביליג הפקר צושטערען.

און ס'טוט אזוי באַנק נאָך
פאַרשוועכטע שעפערישע ווערטן
און פאַרשוואונדענע סענטימענטן.

אונזערע סינאַגאָגעס פוסטעווען
ס'איז שווער מיט דעם שלום מאַכן
נאָך שיינע איינגעזעסענע היימן
פון צווייל'האפטע כאַראַקטערען צושטערט.

ס'איז אוממעגליך די שיינע
נאכבארשאפט צו דערקענען.

דער פּראָטעסט

זייער טיף איז געווען דער פּראָטעסט
אין מעדיסען סקווער גאַרדען
אין די טויזנטער האָבן מענטשן
געשטראָמט פון אַלע זייטן.

דער בליק באַטריבט און צושטרייט
פון די ליפּען זיך געריסען
אַ פאַרשטיקטער געשריי
פאַרוואָס פאַרפאַלגט מען זיי?
פאַרוואָס לאָזט מען זיי זיך
נישט אויסלעבן רעליגיעז קולטורעל?
און אויב ס׳גייט זיי דאָרט שלעכט
פּאָליטיש אָדער מאַטעריאַל

פעלען נישט קיין בלבולים
מ׳געפינט שוין אַ שעיר לעזעזאל
אין פּשוטע ווערטער מיינט דאָס
אַז דער ייד איז דאָס כפּרה הינדל.

און מיט אַ וויטאָק אין האַרץ
מוז מען צוגעבן אַז געמאַכט
האָבן זיי דאָרט אַ גרויסן סוקסעס.

אָפּגעפּרעמדט דעם יונגען דור
ער ווייסט גאָר נישט פון זיין
אָפּשטאַם פון זיין פאָלק.

ס׳איז אַ פאַקט אַז זיי פאַרענדיקן דאָס
וואָס אָנגעהויבן האָט היטלער ימח־שמו
איז טאָרן מיר נישט אויפגעבן אונזער
פּראָטעסט, מ׳דאַרף ראַטעווען וואָס מ׳קען

נישט דערלאָזן זיי זאָלן אויספירן
ביזן סוף זייער טייוועלישן פּאַרמעסט.

מתנות און סענטימענטן

ס'איז נישט קיין נייעס — אַז מ'שעצט
פּערזענליכע מתנות נישט מער
אַ יעדער זיין געשאַנק שאַצט אָפּ
אויף זיין אייגענעם שטייגער

איינער שאַצט אַ מתנה מיט דער
ווערט פון געלט, ביים אַנדערן
ווידער שפּילט די וויכטיקסטע ראָלע
גאָר דער סענטימענט

מיט איינער אַזאַ מתנה
מיך לעצטענס פּרעזענטירט
פון וואָס איך האָב זיך
צו דער העכסטער שטופע
דערהויבן עקזאַלטירט.

די מתנה איז באַשטאַנען
פון דער מטבע הנצחון
די וויקטאָרי קאָין.

אַרום געגעבען געוואָרן אין דער זעקס
טאָגיקער שלאַכט די מלחמה אין ישראל
אויסגעגאָסן פון מאַסיווען עכטען זילבער
פון אַ מייסטערהאַפטער האַנט
אויסגראַווירט — הויבט זיך אומפּאַזאַנט
אַרום דער כותל-המערבי.

די צווייטע זייט פון דער מטבע
איז מיט דער זון באַצירט
ווי אַרונדער פעכער אירע שטראַלן ציען זיך
ווי זילבערנע פעדעם אַלץ העכער
און העכער.

ביינעלייגט קומט דער זעלטענער בוך
מיט ביאָגראַפישע העליכע בילדער
אילוסטרירט

געשריבן אין מאָדערנעם העברעאיש
פאַרטראַטן איז דער גאַנצער תנ"ך
פון בראשית פון אָנהייב ביז צו די
לעצטע געשעענישן אין דער שלאַכט

און דו בלעטערסט און דו לייענסט און ס'איז
אַזוי שווער דיינע געפילן צו באַהערשן
פייכט ווערן די אויגען מיט טרערן פאַרגאָסן
נישט פאַראיבער איז די געפאַר
געמערט האָבן זיך די שונאים די
איבערגעגעבענע פריינט האָבן דיך גאָר
פאַראַטען — מיט אַ מאָל זיך פאַרוואַנדעלט
אין ביטערע פיינט — מיט צושטערישע
פלענער זיינען זיי אַלע גרייט.

און די ליפּען באַוועגן זיך אין אַ
שטילער תפילה און אַ געבעט אַז פאַרשווינט
זאָל ווערן דיין פאָלק כי עם ישראל חי
גאַנץ זאָל בלייבן דיין לאַנד.
די מדינה זאָל זיך בויען פונסניי.

די שבועה

דעם פּאַק אויף די פּלייצעס
אַרויף געוואָרפן — מיט געדאַנקען
גאָר ניט קיין פריילעכע   אַרויסזעלאָזט זיך
אויף אַ אומהיימליכן וועג אַ ווייטן.

ער זעעט אַ וויזיע פאַר זיינע אויגען
אַ חלום אַ טרוים
ס׳עקזיסטירט שוין מער נישט פאַר אים
דער אָרום — נישטאָ מער קיין צוריקטריט
ווייל פאַרברענט נאָך זיך אַלע בריקען
ער שפּרייזט ווי אין אַ טראַנס
צו אַ לאַנד פון הויכע בערג
אין טיפע טאָלן.

און וואַנדערנדיק אַזוי פאַר אַ לאַנגער —
לאַנגער ציים אַן אויסגעשעפּטער אַ מידער
ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ פרעמדער ערד.
און אָט זעעט ער פון ווייטן אַ פּויער
ווי רואיק געלאַסען ער באַארבעט זיין פעלד
מיט זיין רידעל ער גראָבט אויס
אַזאַ שוואַרצע ווייכע ערד
אָרום אַזוי שטיל געלאַסען קיינער זיין אַרבעט שטערט.

זיין אַקסעל איז פריי נישט פאַראַן
דאָרט קיין ביקס קיין געווער
אָבער אַהין ווו דער וואַנדערער גייט
די ערד איז טרוקען דאָר מיט זאַמד
פעלזען שטיינער פאַרזייט.

אין איין האַנט דער רידעל אויפן אַקסעל
די ביקס דאָס געווער
ווייל געצוווּנגען איז ער פון שונא
זיך באַשיצן — וואָס לויערט פון אַ יעדן
ווינקל, נישט בלויז זיין אַרבעט שטערן
נאָר גלייכצייטיק אויסלעשן זיין לעבן.

און דאָך איז ראָס מער נישט
קיין וויזיע קיין טרוים ווייל אויף גאָר
ווייטע שטרעקעס ציען זיך שערענגעס
בליענדע וויינגערטנער פרדסים.

ס׳טראָגט זיך שוין אין דער לופט
אַ שטאַרקער אראמאט פון גאָלדענע
שמעקעדיגע מאראנצען אַ גערוך
פון האָניג זיסע טייטלען.

און מיט זיין האַנט הויך אויפגעהויבן
האָט ער זיך אַ שבועה געגעבן
אַז ביז זיין לעצטען אָטעם צוג פון זיין לעבן
וועט ער ווייטער קעמפען פון זיין באַפרייטער

פון זאמד פעלז און שטיינער זיין
פרוכטבארע ערד נישט אויף געבען.

נישט צובראָכען

ס'פייפען, בלאָזן בייזע ווינטן
בייגען ביימער צו דער ערד
טראָגן זיך ליכטיקע שנייעלעך
אין דער לופטען ווייסינקע גרינגע ווי פוך.

בלויע דורכזיכטיקע הימלען
גאָלדיגע זונען שטראַלן
הימליש שיין — אָבער נישט שטאַרק
גענוג איז די ליכט די בייזע
קאַלטע ווינטן ביישטיין.

אַ אויבערפלעכליך פאַלשע ליכט
בלויז די אויגען פאַרבלענדען
די בייזע שטורמס פאַרמאַסקירן
איבערקערן וועלטן.

נישט געלאָזט זיך דערשטיקן פאַרטונקלן
דעם אינערליכן עכטען פלאַם דעם בייזען
שטורם אַנטקעגן געגאַנגען אויף קידוש-השם

און געשטורמט האָבן בייזע קאַלטע ווינטן
יונגע ביימעלעך געשליידערט אויף אַלע זייטען
זיי געוואָרפן און דאָך דעם שטורם בייגעקומען
דאָך גאַנץ געבליבן נישט צובראָכן
אין דער ערד טיפע וואָרצלען דאָרט געשלאָגען.

אויסגעשפרייט זיך אויף ווייטע
ברייטע שטחים נייע ווייכע
גראָזן דאָרטן וואַקסען.

די נאַכט איז פאַרגאַנגען

פאַרוואַנדלען זיך בערג אין מויערן הויכע
שפּיציקע פעלזן ווי קייטן זיך ציען
אין ים פלאַך זיך שפּיגלען די
לעצטע זונען שטראַלן.

ס׳שאָטעט ס׳טונקעלט די נאַכט
שוין צוגעפאַלן
אין הימעל שוין מאַטע שטערען
זיך לעשען קוים קוים —
ס׳זילבערט א לבנה אַ בלאַסע.

ס׳שפּרייטן זיך שאָטענס פון אַלע
זייטן — די נאַכט אַ שוואַרצע ווי טינט אַלץ איינגעהילט
די נאַכט איז צו געפאַלן
פון ווייטן אין אַ ווינקל אין מזרח
דער מאָרגן שטערן אויף געגאַנגען
ס׳וועקען זיך הימעל און ערד
ס׳דערטראָגן זיך פון פליענדע
פויגעל געזאַנגען.

זיי באַגריסן אַ יונגן לויטערן פרימאָרגן
אַלעם וועקט זיך פון טיפן שלאָף צו אַ
שפּרודעלדיק לעבן פול
די נאַכט איז פאַרגאַנגען דער
טאָג איז שוין דאָ.

און ס׳פילט זיך דער פראַגרעס
דער שטראָם, דער געדיכטער פאַרקער
און די גאַסן, ס׳אָטעמט מיט לעבן
דער טאָג איז געקומען ער איז שוין דאָ.

א בייזער חלום

ווען לעצטענס זיך געפילט נישט מיט אלעמען
ווי ס׳טרעפט אין אזעלכע פאלן א יעדער
קלייניקייט קאפירט זיך ווי אין א קרומען שפיגעל

אלסדינג זעעט מען דורך שווארצע ברילן
ווי אלעמאל זיך אנגעליינט
מיט די שווערע פראבלעמען אנאליזירט
די וועלטלעכע ענינים מיט די
אויסערגעווענליכע געשעענישן.

באזארגט פון דער פארפלאנטערטער לאגע
אין מיטלן מזרח מיט דער באנייטער
גרויסער הילף פון די סאוועטישע בערען
דער גרויסער פארלוסט פון דער
פארשוווּנדענער סאבמארין אין ישראל
אריינגעפאלן אין א קאשמארנעם דרימל.

מיט אמאל זיך דערפילט גרינג
ווי א פעדערל — אוועקגעטראגן זיך
אין ווייטע קאנטינענטען — אט האב איך
דערזען נאסער׳ן עפעס גארנישט דער
זעלבער העלד.

פארשוווּנדען זיין חוצפה׳דיקער בליק
מיט מרה־שחורה זיין גאנץ געשטאלט אנגעפילט
מיט וואנזין בלאדזשען זיינע אויגען ער זאגט
וואס מ׳הייסט אים ווייל פארקויפט און פארשקלאפט
זיך צו די חברים ברעזשניעוו און
קאסיגין — אקוראט ווי סאדאט און
די איבעריגע חברים אין דער יעצטיקער
צייט דערנעבען געפינען זיך טאקע
די רוסישע לייט

זייערע אויגען קאַלט ווי שטאָל
ס׳הערען זיך ווערטער ווי פון אַ שלאַנג
פול מיט סם און האַס
אָך די פאַרשאָלטענע יידן זיי זיינען גאָר
געוואָרן גאַנצע חכמים.

פירען אַ בליטץ קריג אַ זעקס טאָגיגע
מלחמה — ווער זאָל זיך ריכטען
אַז די מאָדערנסטע וואָפן אונזערע
וועלן זיי פאַרניכטען.

די נייעסטע טאַנקן ווי ברוכוואַרג
זיך וואַלגערן זשאַווערן אין די זאַמדן
פון וויסטן מדבר — מיר קענען אַזאַ
נידערלאַגע נישט פאַרשווייגען — נקמה
וועלן מיר נעמן מיר זיינען גרייט
מיט אונזערע פלענער
מיט אַ ציטער זיך אויפגעריסען
פון שלאָף אויסגעריבן די אויגען
טפוי זאָל דאָס ווערן אַזאַ בייזער חלום.

אין דער מינוט איז מיר געקומען
אין די געדאַנקען דער פסוק פון תהילים
צושטערט זאָלן ווערן די עצות פון רשעים.

רבונו של-עולם באַשיץ דיין פאָלק ישראל
היט זיי אוים פון די וועגן וואָס
מ׳וויל זיי שלעכטס טאָן
היט אוים דיינע קינדער פון פאַלשע פריינט
פון געפערליכע פאַררעטערישע שונאים.

דאָס פידעלע

ווען מיט ווערטער איז שווער אויסצודריקען
דיינע געפילן
מיט הערליכע מוזיק קענסטו דאָס דערגרייכן.

פון ערגיץ האָט זיך אַ קוים הערבאַרער
קלאַנג דערטראָגן ס׳שווער געווען צו אורטיילן
אויף וואָסער אינסטרומענט די דוניקע טענער
אויסגעשפּילט זייער ניגון.

אָבער גראַדענווייז קלאָר זיך אויסגעשיילט
די געטליכע מעלאָדיע דאָס פידעלע
האָט אויסגעוויינט
און שפּילענדיק אַזוי פון גאָר ווייטע
קאָנטינענטן — וווּנדערליכע פּאַסירונגען,
אויסגעשפּילט פון כישוף׳דיקע שלעסער
דערציילט דערציילט פון פאַרבאָרגענע

איילען פון עקזאָטישע פלאַנצען
פון זעלטענע קאָלירפולע בלומען
ברויזנדע ימן פון רוישיגע
וואַסער פאַלן.

און מיט אַמאָל האָט דאָס פידעלע
געמאַכט אַ שאַרפן איבערגאַנג;
דאָס איז געווען דאָס אויסשפּילן
פון מלחמה מאַרשן
און געציטערט האָבן די סטרונעס
דאָס פידעלע האָט געכליפּעט.

אויף גורלדיקע העלדישע גבורים
מיט זייערע לעבנס בראַוו פאַרטיידיקט
זייער לאַנד
מיט מסירת נפש זיך געשלאָגן
פאַר אַ יעדער שפּאַן ערד.

און געגאָסן האָבן זיך די טענער
טיף אין הערצער אריינגעדרונגען
די שפּראַך איז צו אָרעם
ווערטער האָבן גאָר קיין האַפט.

אויסדריקן די טיפקייט
גאָר נישט גרינג
שווער דאָס איבערצוגעבען
דאָ פאָדערט זיך אַ באַזונדער מאַכט אַ חוש
אַליין דאָס צו דערפילען און דערשפּירען..

דער קאָנטעסט

מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעקוקט
ווי פייגעלעך קלייניקנע האָבן אָדורכגעפירט
א קאָנטעסט.

ווי געשיקט זיי האָבן אין פאַרשידענע
פיגורן וואַריאַציעס זייער פלי און
ספּעקטאַקל אָדורכגעפירט
אָבער דאָ נישט ווייט פון דעם הויכן בוים
א קליינטשיק פייגעלע דערבליקט
מיט אויגעלעך פול מיט קנאה אייפערזיכט
צום שפּיל אַראָפּגעקוקט.

און מיט פאַרביסענע ליפּעלעך געמורמעלט
אַך די גרויסע נאַר פון זיך אַליין
זיי טראַכטען
אָן אונז די קלייניקנע פאַרנאַכלעסיקט
אינגאַנצען פאַרגעסען.

אונז האָדעוועט מען אָן — און מ׳שיקט
אונז שלאָפן און דאָס רופן זיי אָן
דערציאונג מ׳שטיינס געזאָגט.

אויב מען וויל אין דעם געראנגעל
פון לעבן עפּעס דערגרייכען
מוז מען באַלד פון וויגעלע אָנהויבן.

און עפּעס מיטן אינסטינקט פון א
מאַמע׳ס האַרץ איז דאָס מאַמע פייגעלע
אַנגעפלויגן — און מיט א וואָרנונג גערעדט
הער זיך צו קינד מיינס —

דו ביזט דאָך נאָך אַזוי קליין
מוזט דו האָבן געדולד זיך
לערנען וואַרטן זיין צוגעגרייט
פון פאָראויס אויב נישט
איז צו הויך דער פּרייז.

אבער דאָ האָט שוין דאָס פייגעלע נישט
אויסגעהאַלטען — מיט רוגזה דער מאַמען
אויפגעוואָרפן — וואָס פאַרשטיין זיי
די גרויסע — זיי זיינען אַלע

צוריק געשטאַנען אַלט מאָדיש
אַלעם וואָס מ׳הערט פון זיי
איז מ׳האַלט דיר אין הייסען
וואַרטן — האָבן געדולד.

און איידער די מאַמע האָט נאָך באַוויזן
איר אַרגומענט אויפקלערן, דאָס קליינע
פייגעלע — אויף די ציטערדיקע פיסעלעך
זיך אויפגעשטעלט

אומערפאַרן די פליגעלעך אויסגעשפרייט
און איידער וואָס — און איידער ווען
צופיסענס פון בוים אַראָפגעפאַלן
אך האָט די מאַמע פייגעלע געביטערט
האָב איך דען דיך נישט געוואָרנט
מיין קינד — אז אויב מ׳נעמט אונטער
זאַכן נישט אויסגערעכנט אין פאָראויס
באַצאָלט מען אַ צוהויכן פרייז.

אבער צום באַדויערן האָט די מאַמע
פאַרגעסען אַז אויך זי האָט
זיך געכאַפּט צו שפּעט.

„דער ענטפער אויף די 4 קשיות"

אויסגעפוצט זיך אין פולן טראַכט
ארום געריגגעלט פון זיין הויז געזונט
פאַרנומען דעם אויבן אַן ביים סדר טיש
אין דער פסח נאַכט.

זיין הויכער שטערן געקאַרבט
מיט ליבשאַפט וואַנדערט זיין בליק
אַלעם אַרום מיט זויברקייט בלאַנקט
די אומגעבונג מיט אַ געטליכער מנוחה
רואיגקייט דורכגעדרונגן אויף אַלעמען רוט די שכינה
די אויגן וואַנדערן דער מח טראַכט
פון ווייטן אַמאָל פון היינטיקער נאַכט.

מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ קלינגעדיק
שטימעלע — טאַטע איך וועל דיך
פרעגן קשיות פיר.

פאַרוואָס אַלע פעלקער גייט אַזוי גוט
נאָר אונז יידן ביזטו גאָר נישט ממלא
ביז ווי לאַנג וועט מען נאָך פאַרפאַלגן
דיין יידיש פאָלק פאַרגיסן יידיש בלוט?

מיט וואָס איז סטעפאַן אָדער איוואַן
אַ גרעסערער יחסן פון אונז ווייל ער איז
אַ רוסישער אונטערטאַן אַ בירגער?
פון אַלע גוטע געשעפטן טרייבט מען אונז
אוועק — מען הייסט אונז שטיין פון דערווייטן.

דו ביזט אַ ייד — דאָס איז ביי אונז אַ פלעק
טאַ ווי קומסטו דו צווישן לייטן?
מיט אַ זיפץ באַטראַכט דער טאַטע זיין קינד
און ער ענטפערט עבדים היינו לפרעה במצרים
אין אַלע דורות שטייט אויף אַ המן אַ היטלער אַ נאַסער
אַ סטאַלין

אבער מיין קינד ווען דו וועסט ווערן
גרעסער און וועסט היסטאָריע לערנען וועסט דו
זיך אליין איבערצייגן — אַז גראַדע אונטער
געגאַנגען זיינען גרויסע פעלקער
און דאָס קליינע געפייניקטע פאָלק ישראל
איז געבליבן לעבן.

און ביז היינטיגן טאָג האָט זיך ביי
דעם שונא נישט איינגעשטילט דער צאָרן
ער שאַרפט זיך די ציין און וויל אונז
אומברענגען פארניכטן.

ער ווענדעט אָן פאַלשע בלבולים
מאָדערנע מאָרד וואָפן, מיט דעם
איינציגן צוועק, דו זאָלסט פאַרצווייפלען
און אראָפּלאָזן די הענט.

אָבער דו דאַרפסט זיך ארונטער נעמען
א מוסר־השכל פון די מכבי׳ער — די חשמונאים
נישט אויפגעבען דיין קאַמף — דער שונא קוקט זיך אוים
זיינע אויגען — אַז געבראָכן זאָלן ווערן דיין גייסט
דיין ווילן — אַז דו זאָלסט נישט פאַרצווייפלן און אַלעם
זאָלסטו דו זען שווארץ.

נאָר אין א שטאַרקען גייסט באַשטייט
דיין וואָפן — דיין נשמה זאָל זיין ריין
פון מרה־שחורה
און מיט א לויטערן בליק מיט א שטאַרקן
אָרעם — און ווייטער זאָלסט דו שפינען די געשיכטע.

אַז שטאַרק זאָל זיין דיין פאָלק
ווייל כאָטש אונזער לאַגע איז א קריטישע
האָבן מיר דאָך דערלעבט היינט צו טאָג
צו פייערן דעם 25־טן יום העצמאות.

איז לאָמיר אַלע ווי איינער אויסרופן
הויך אויף א קול — לעבן זאָל דאָס פאָלק
ישראל — כי עם ישראל חי
כי נצח ישראל לא ישקר.

נישט פאַרגעסן

אויסגעשטעלט זיך אין אַ רעדל
אַ האַנט ארויפגעלייגט אויף אַן אַקסעל
אויף די ליפּען רוט אַ שמייכעל
אַוועקגעלאַזט זיך אין אַ טענצעל.

אויף דינע טענער פייפט די פליט
און אַלץ גרעסער וואַקסט דער ראַד
פלינקער שנעלער זיך באַוועגט
טאַנצען אַלע אַ קאַראַהוד.

מיט אַזוי פיל בענקשאַפט וויינט
דער פידעל — אויף מיליאָנען
אומגעבראַכטע לעבנס — אויף אַ וועלט
נישטאַ מער — לאַנג פאַרשוווּנדן אל תשכח
זכור — זאָלסט געדענקען נישט פאַרגעסן.

דעם שווערן וועג דעם לעצטן ניגון
זיי געזונגען דאָרטן — ווי אַ זכר
אַ דערמאָנונג זאָל ער טלויען ביי אונז
אין הארצן — זאָל דאָס דינען פאַר אונז
ווי אַ חוב — צו די געפייניגטע

אויף זייער לעצטן וועג — אַל תשכח זכור
דו זאָלסט געדענקען נישט פאַרגעסן.

מאמא

ווי האַרציק ס'קלינגט דאָס וואָרט „מאמא"
די פראַזע איז אוניווערסאַל ס'איז וויכטיק
ווי געהעריק דאָס אָפּשאַצן און פאַרשטיין

די באַדייטונג איז קאָלאָסאַל
אין אַלע צייטן פּאָעטן די מאמען
באַזונגען — אָן צווייפעל זי האָט
דאָס ערליך פאַרדינט.

לאָמיר דאָס איר מיטן גאַנצן האַרצן
פאַרגינען — נישט אַנגעקומען איז דאָס
איר גרינג — בלויז 4 פיר בוכשטאַבן
דאָס וואָרט מאמא ענטהאַלט
ווי פיל צערטליכקייט אין דעם קליינעם
וואָרט איז פאַראַן.

און ווי קורץ דער קלאַנג זאָל נישט זיין
אַזוי קאַליבער און רייך איז דער באַדייט
און נאָך טיפער איז דער אינהאַלט
און ווען די קינדער ווערן גרעסער

ווילט זיך אַ פראַגע שטעלן פאַרנעמען
זיי דען אַ קלענערן פּלאַץ אין דער
מאַמע'ס האַרצן? ניין געווים נישט
אָבער דאַמאָלט הערשט מוז זיך די מאַמע
אַביסעלע פאַרטראַכטן — זי מוז גלייכצייטיק
אַ דיפּלאָמאַט ווערן — אַנשטאָט שטענדיק
עצות געבן — זיך צוגעוווינען אויך
אַביסעלע זיך צו צוהערן.

אַכטונג רעספּעקט פאַרן טאַטן

העל באַלויכטן איז דער זאַל
צוזאַמען געקומען אַ גאַנץ פיינער עולם
אויסגעזעצט זיך ביי שיין געדעקטע טישן.

האָבן זיי זיך הארציק באַגריסט נישט ווי
פרעמדע נאָר ווי אַ היימישע גרויסע משפחה
דאָ נישט לאַנג האָט מען אויף אַ גאָר פיינעם
אופן באַזינגען די מאַמען און מיט רעכט

היינט אָבער זיינען מיר זיך אַלע צוזאַמענגעקומען
אָפּגעבן כבוד דעם טאַטען — זאָל מען נישט זאָגן
אַז בלויז פון דער מאַמען געמאַכט אַזאַ גרויסן
ווען — און בלויז אַ ביינדעל צוגעוואָרפן דעם טאַטען

מיר טאָרן נישט פאַרגעסן וואָס געשריבן איז אין
אונזערע הייליגע ספרים כי רחם אב על בנים
ער איז פול מיט רחמנות צו זיינע קינדער
דאָ פאָדערט זיך צו לערנען אַ פשט'ל אַז
מ'מיינט נישט דעם טאַטען דאָ אויף דער ערד
נאָר „דעם" אויבן דאָרט אין הימל
איז אויב מען האָט אויף איין מדרגה
אויף איין שטאַפּעל געשטעלט זיי ביידען צוזאַמען

איז דאָס אַליין שוין דער בעסטער סימן אַז
זיי פאַרדינען פון אונז אַכטונג רעספּעקט און
זאָלען זיי זיין געהויכט און געקרוינט

און גראַטולירען און ווינטשען דעם טאַטען
אַסך לאַנגע יאָרן מיט אַסך
געזונט — די ברכה גערט פאַר
אַלע טאַטע'ס אַן אויסנאַם.

אַ געבעט א תפילה

איינגעהילט אין טיפען טרויער איז
אונזער לאַנד ווי אַ בייזער אָנזאָג האָט
זיך דאָס צוטראָגן איבער דער וועלט
אונטער געהאַקט יונגעביימער אין פולן בלי
אויסגעלאָשן אַ שפרודערלדיק לעבן
פול מיט אַמביציע ענערגי
איז ווי לאַנג וועט נאָך נעמען דאָס
שלעכטס אויסצוראָטען?

אומבאַגרינדעטע נקמה אומפאַראַנטוואָרטליכע
טאַטן — און ס'שטרעקט זיך
אַ לאַנגע מערדערישע האַנט פון ווייטע
קאָנטינענטן — פראָפּאַגאַנדע פול מיט סם
שיפּעט ווי אַ שלאַנג

אויסגעשטאַטעט פונסגיי די שונאים
מיט מאָדערנסטע וואָפן מדינת ישראל
דערגרייכן — און כאָטש אזוי זיגרייך
פאַרטייטיקט דאָס לאַנד פאַנטאַסטיש

געווינען די 6 טאָגיקע מלחמה
טאָג איין טאָג אויס פאלען קרבנות אומשולדיקע
מיליטערישע ציווילע — פון אונזערע העלדישע זין מיר
פאַרמאָגען זיי נישט פיל — אַ יעדער לעבן
אַ שרעקליכער פאַרלוסט

איז רבונו של עולם עד מתי
ביז וואַנען? ממעמקים קראתי י־ה
פון די טיפענישען רוף איך צו דיר גאָט
הער מיין תפילה הער מיין געבעט כי באו מים
עד נפש ווייל דערגרייכט האָבן די וואַסערן
ביז צום האַלז מאין יבוא עזרי? פון וואַנעט
וועט מיין הילף קומען — דענקסטו נישט
אַז געקומען איז שוין די העכסטע
צייט לאָז אונז געניסען פון
אַ לעבן פון ווירדע פרידן און שלום

ווי פֿאַרשידן ס׳איז די יוגנט

שטייט דער זומער שוין אין פּולן בלי
הימלען בלויע ווינטלעדמילדע
אַ שטראַלנדיקע זון

ס׳בליִען אין גאָרטן קאָלירפֿולע בלומען
אַ שטאַרקער אַראָמאַט שפּרייט זיך אַרום
נאָך אַנגענעמער פֿון טייערסטע פּערפֿומען

דאָ און דאָרט אויף דעם גראָז אויסגעשפּרייט
זיצט די יוגנט גאָר נישט גרינג זייער
געשלעכט אומטערשיידן צופּאַטעלטע לאַנגע־האָר
פֿון שמוץ אַ אומבאַשטימטער קאָליר

וואַסער, זייף, אַ קאַם אַט די אַלע אויבן
דערמאָנטע זאַכן ווען זיי זיינען מיט זיי
געקומען אין באַריר — ווער ווייסט שווער אָנצורופֿן
דאָס יאָר — דעם גאַנצען הילוך?
דאָס מין קליידונג איז געווען אַזוי אויסטערליש
אַז דאָס אָנרופֿן ביים ריכטיקן נאָמען
דאַרף מען נוצען ווערטער פֿון דער
דיקשיאָנערי אָדער פֿון דער הפּטורה

אַבער נישט קוקענדיק אויף זייער
מאָדנעם טראַכט זיינען זיי אַלע
געווען מיט בלומען באַשטעקט

מיר האָט זיך געדאַכט אַז די פֿרישע
בלומען וועלן שנעל פֿאַרוועלקן
צו גרויס איז געווען דער קאָנטראַסט
אַ בליִענדע רויז זאָל אַריין פּאַסען
אין אַזאַ קרייז

זייענדיק פאראינטערעסירט מיט אזא מאדנעם
דור פון אזא סארט, האב איך זיך
צו זייערן א געשפריך צוגעהערט
און גענומען האט נישט לאנג

איינער פון זיי אין זיין פולן הויך
זיך אויף געשטעלט און ג׳דרשנט
האט ער אומגעפער אזוי — אך מיר
זיינען שוין מיד פון דעם עלטערן דור

אלד פאסילס וואס פארשטייען זיי?
פארשימעלטע באגריפן מיר האבן פאר זיי
קיין שום נוצען זיי זיינען אלע אלד פעשאן
אויסגעשפילט אין גאנצען

מיר וועלן זיי צווינגען גיין אין
אונזערע וועגן אזוי ארום וועלן
מיר די וועלט מיט אונזערע לאזונגען
אויסברייטערן און פארשענערן

מיט גרוים באדויערן האב איך באטראכט
דאס מאדנע געזינדל
נישט קשה האב איך אין דער שטיל
צו זיך אליין גערעדט די וועלט גייט
נאך ניט אונטער

מיר איז געקומען אויפן געדאנק די יוגענט וואס מיט
איר בין איך זייער גוט באקאנט
פון דער יוגנט שרייבט מען גראדע

זייער ווייניג — מ׳הערט נישט פון איר
גענוג — פון די גאוגישע קעפ מיט זייערע
ערפינדונגען זיי עפענען ברייטע האריזאנטן
וואס נאכאנאנד ביי די ביכער זיי בלענדן
די אויגן — זיי וועלן שוין זייער חלק
צוטראגן ביישטייערן צו א בעסערער
וועלט אויף א געזונטן אופן זיי שאפן
טיפע אידעאלן די יוגנט האט
אין די אוניווערזיטעטן זיכער נישט
געהאקט קיין שויבן

פיראַטן אין דער לופטן

אונטער בלויע דורכזיכטע הימלען
מיט גרויע ווייסע וואָלקנדלעך פאַרזייט
מאַיעסטעטיש אַ שטאָלצער אָדלער שוועבט
דאָס האָט זיך אונזער ישראל עראָפּלאַן
דער אל־על אין אַ פּאַראַוים אַנגעצייכענטער
ליניע צו זיין שווער אויסגעקעמפּט לאַנד
האָט זיך אַרוים געלאָזט

מיט אַמאָל אַ פינסטערע כמאַדע די
לויטערע הימלען פאַרדעקט מיט שוואַרצע
פליגלען דעם אדלער זיין וועג פאַרשטעלט
אונטער פּיראַטישע מערדערישע דראָונגען
פאַרקערוועדט זיין פלי

געצוווּנגען אים אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל
אין אַ פּיינטליכער מדינה דאָרט פאַרשטעקט
און כאַטש מיר לעבן אין אַן אַטאָמישער
עפּאָכע פראָגרעסירט אויף פאַרשידענע
געביטן באַהנדעלט מען אונז אַקוראַט
ווי אין באַגדאַן כמעלניצקים צייטן

און ס׳שטעלט זיך אַ ברענעדיגע
פראַגע — וואָס האָבן די גרויס מאַכטן
געטאָן צו דער שרעקליכער לאַגע זיי
האָבן פשוט פאַרמאַכט די אויגן

דעם פּראָגרעס נוצען אויס די
טעראָריסטן אויף מערדערישע נידערטרעכטיקע
צוועקן אונטער אַזעלכע אומשטענדן
איז מען גאָר נישט זיכער, אויב איר
ווילט אָנקומען קין מיאַמי, פלאָרידע

זאָלט איר אָפּ שטעקן אַ וויזיט ביי
קאַסטראָ אין קובאַ — אַנשטאָש אין תל־אביב
אין אַלזשיריע אָדער אַזעלכע אומשטענדן
שווער צו שילדערן די געפילן
ס׳פּאָדערן זיך אויסערגעוויינלעכע כוחות
די נערוון צוימען, ס׳בלייבט צו וואַרטן
און אַזוינע געשעענישן זאָלן
פאַר דער צוקונפט זיין אויס
געשלאָסן — און די אַלגעמיינע
קאָמפּליצירטע סיטואַציע
זאָל זיך אויס קריסטאַליזירן
אויף אַ יושרדיקן פרידלעכן אופן

אָבער צום באַדויערן זען מיר דאָס פאַרקערטע
די גערעכטע אומבאַשיצטע פּאַסאַזשירן
ליידן ווייטער דאָס לעצטע וואָרט
האָבן די מערדער די טעראָריסטן

בייזע ווינטן אין הערבסט

כאַטש דער הימעל איז לויטער בלוי
מיט לייכטע וואָלקענדלעך פּאַרזייט דאָרט און דאָ
דאָך שפּירט זיך שוין אין דער לופט
דער שטאַרקער טערפּקער גערוך

פון וויאַנעדיקע בלעטער וועלקענדע בלומען
נישט מער גרינע נאָר פאַרגעלטע גראָזען
נידעריק דיביימער צו דער ערד זיך
געבויגן מיט בייזקייט דער ווינט די בלעטער
געפּליקט געריסען — און פאַלענדיק אַזוי
געשאַרכט, גערעשט דרייענדיק זיך אין דער לופטן

געפּירט אַ געשפּרעך אויף זייער
אייגענעם לשון פאַרוואָס אַזאַ בייזקייט?
וואָס איז דער געאייל? נישט געלאָזט
אונז פערוועלקען דאָרט אויף דעם בוים

פּריצייטיק נאָך גרינע אונז אָפּגעריסן
פון שטאַם, אין אונהיימליכע ווייטע ווינקלען
אונז צוזייט און צושפּרייט
מיט מיטלייד דער בוים זיינע בלעטער
געטרייסט אויף אַ צאַרטן אופן
וואָס קען מען טאָן?

מ׳קען דאָס שלעכטע קיין גוטעס
נישט לערנען, צו לאָגיק צו מוסר — השכל
זיי וועלן זיך סיי ווי נישט צוהערן
טאָ זייט נישט אַזוי צוטראָגן די וועלט
גייט נאָך נישט אונטער

לאָזן די בייזע ווינטן בלאָזן
ס׳וועט זיי גאָר נישט העלפן ווען די
ריכטיקע צייט וועט קומען וועלן
גרינע פרישע בלעטער
דעם אַלטען בוים ווידער
באַשיינען און באַצירן

שטימונגען

מיט א מאנאטאנער נודנער שווערקייט
האָט זיך גערוקט די צייט
סיי געזעלשאַפטליך סיי פּערזענליך
זיינען די איבערלעבונגען געווען
ווייטאַקדיק און פּיינליך

געבליבן אַזוי שטעקן ווי אין אַ טעמפּען
ווינקל — ס׳האָט זיך געפּאָדערט
אַ גרויסע אָנשטרענגונג נישט פאַרלירן
אונטער די פיס דעם באָדן דאָס גלייכגעוויכט

אונטער דער לאַסט פון אויסערגעווענליכע
טאָג טעגליכע געשעענישן סענסיטיווע
כאַראַקטערן בלייבן קיינמאָל נישט גלייכגילטיק
ס׳קומט ביי זיי פאָר א נשמהדיקער געראַנגל

און צו ווילן יאָ אָדער נישט מאַכט
דאָס זיי זייער פיל צו טראַכטען
דאָס איז ביי זיי אַ נאַטירליכע דערשיינונג
אַ דראַנג אין ווערטער זיך אויסצודריקן
פאַר אַ קורצער ווייל אַן אַנטוישטער געפיל
פילט אָן דיין הארץ און דו דענקסט אַז
האָסט שוין באַנקראָטירט אָבער
מיט אַמאָל קומט דיר אויפן געדאַנק
די טעאָריע פון אַ געוויסען פילאָסאָפער

אַז אַ יעדער מענטש באַזיצט אַ פאַר-
באָרגענע מאַכט אַזוי לאַנג ווי ער
גיט נישט אויף דאָס זוכען אין דעם
באַשטייט זיין קראַפט.

טראַדיציע
דער כח פון אַ ניגון

ס׳קלינגט מיר נאָך אין די אויערן פון
כל־נדרי דער טרויערדיקער ניגון
די ליכטער זיי פינקלען באַלייכטן דעם
ארון קדש מיט טויזנטער קאָלירן

ס׳הערט זיך דאָס הויכע שאַלען
פון שופר אונזערע תפילות בקשות
אַרויף ברענגען אויבן

צושטערן די פאַרלוימדונגען די
שווערע גזרות פון שטן — אַנטקעגן אונזערע
אייביקע ביטערע שונאים
אַלע אין טליתים געהילט פאַר׳דבק׳ט
אין תפילות פאַרטיפטע זיי בעטן
צום באַשעפער זייערע זינד פאַרגעבען

און איך בין נישט קיין אויסנאַם
איך קלאַפּ זיך אין האַרצען על חטא
פאַר זינד וואָס איך בין קיינמאָל נישט
באַגאַנגען און ווי אונזער דיכטער
יהודה הלוי האָט זיך אויסגעדריקט
אין זיינע שריפטן

דער וואָס האָט דאָס מחזור פאַרפאַסט
די תפילות אָנגעשריבן איז דער
גרעסטער פּאָעט פון אַלע פּאָעטן
אין אַלע צייטן

און ווער ס׳איז אין די תפילות
באַהאַוונט ווייסן אַז מיר בעטן נישט
נאָר פאַרן פאָלק ישראל — פאַרקערט
מיר בעטן אפילו פאַר די וואָס
האָבן זיך אין אונזער בלוט
געבאָדן — און כאָטש מיר זיינען

אַ הייפּעלע אַ מינדערהייט — אנטקעגן
מעכטיקע פעלקער — אַ טראָפּן אין ים
דאָך זיינען מיר אַלעמען גרויס אין
די אויגען — דערפאַר מוזען מיר
אַלעמאָל שטיין אויף דער וואך
נישט לאָזן דעם טראָפּן אויסרינען
דעם טראָפּן באַזיגן

אַ מעשה׳לה

אַלץ איז אַזוי פאַרנעפּלט גאָרנישט
קלאָר, ס׳מישען זיך קאַלירן פון
וואַסער הימעל און ערד צווישען חלום און וואָר

פון אַלע מעשהלעך וואָס איך האָב זיך
אָנגעהערט, ווען נאָך אַ יונג קינד געווען
איינס אַזוינס נישט געקענט פאַרגעסען
איינגעקריצט זיך אין מיין זכרון

און דאָס מעשהלה גייט אומגעפער אַזוי
ווען דו קוקסט אַרויף אין הימעל הויך אין
זעסט ווי אַ שטערנדל ציט זיך
אוים און פליט אַוועק העט-העט ווייט אין הימעל
זאָלסטו גאַנץ שנעל אין דעם מאָמענט
אַרוים זאָגען דיין ווינטש

און דיין בקשה וועט באַלד
מקוים ווערן — אַך ווי מיין קינדעריש
הערצעלע האָט אַ ציטער געטאָן אין מיין
רייכע פאַנטאַזיע האָט זיך צושפּילט
אויף אַלע סטרונעס

און איינמאָל ווען אַרוים געקוקט דורך
מיין פענסטער אַזוי פיעל שטערנדלעך
דערזען ווי זיי בליאַסקען און ווינקען
צו מיר און איך הער ממש ווי אַזוי זיי

רעדן קום שנעל אַרוים אין דרויסן
וועסטו זיין נענטער צו אונז און
טו אַקוראַט ווי מיר האָבן דיר געהייסן
איך לויף שנעל — פייל אויסן בויגען

און אַט בין איך שוין אין דרויסן
איך שפּיז אָן מיינע בליקן העט-העט
אַרויף, ווי אַזוי פיל שטערנדלעך
ווי דימענדלעך אויסגעשפּרייט
אויף אַ בלויען טעפּיך

אין איידער איך האָב באַוויזן מיין
מויל עפענען אַרויס זאָגן מיין לאַנג
געגאַרטען ווינטש, אויס געצויגן זיך דאָס
שטערנדל ווייט פאַרשווונדן פאַרפלויגן

מיט אַזוי פיל ענטוישונג געבליבן
צוגעשמידט אויף מיין אָרט עפּיס
אַזוי צווויטאַקט און צוקלעמט
האָבן שטיל מיינע ליפּן אַ פראַגע
זיך געשטעלט

ווי אַזוי קען מען עפּיס בעטן
צו אַ שטערן וואָס גייט פאַר
זיך אַליין פאַרלוירן דו בלייבסט
בלויז ביים ווינטשן דערצו ווערט דיין געמיט
נאָך טרויעריגער ווערן

צום באַדויערן איז דאָס זעלבע
געפיל פאַרבליבן ווען דו ביזט
גרויס געוואָרן — דו גיסט אַ מאַך מיט
דער האַנט נו מ'מוז מיט דעם
אויך שלום מאַכען

אויגען אין דער ווייטקייט

אנגעשטרענגט אין דער ווייטקייט דעם בליק
מיט גלויביגע פינטעלעך צווי
ווי פארשידן ס'איז דער אויסדרוק פון אויגען
אומצאליקע קאלירן פארמאגן זיי

ביי מאנכע אזעלכע אומעטיקע גרויע
ביי אנדערע ווידער זארגלאזע פול
מיט האפנונג הימעל בלויע
בלייבן זיי קיינמאל אויף
דעם זעלבן ארט

זיי נישטערן פארשן זוכען אין
ווערטפולע נייע וועלטליכע אינסטאנצן
פארשווענדן קיין איבעריקע צייט אויף
זאכען וואס זיינען פלאך אין באנאל

נאר שעפן פון א שפרודלדיקן
קוואל און טרינקן פון וויסען ווי
פון א אומענדליכן מעכטיקן ים

באאיינפלוסט פון אזוי פיל געשעענישן
דערפילט זיך אזוי מאט פאר מידקייט
אויסגעווישט די אויגען פאר איין
וועגס אויך די ברילן דער
מח ווידער איז פארבליבן קלאר
און דאס באוווּנדערונג נאך גרעסער

אז דאס מענטשן קינד די אסטראנאטן
האבן באוויזן צו דערגרייכן די
העכסטע הויכן נישט פאראן קיין
ווערטער דאס אויסצודריקען

האט זיך אויך אין דעם מאמענט
דער געדאנקען גאנג געביטן
פון זיך אליין און נישט קוקענדיק

אויף די עקזיסטירנדיקע איבלען אויף
דער וועלט און אויף דער ערד
ווילט זיך גלויבן באמונה שלמה

און האָפֿען אַז ערגיץ — ערגיץ איז
נאָך אַביסעלע גערעכטיקייט און
פיליכט אויך אַ געוויסע אָרדנונג
פאַראַן און אפשר נאָך פאַר אונז אליין
אָנגעגרייט אַ טראָפּן פרייד

טרוימען

טרוימען מיינט נישט גראָדע ווען
דו שלאָפסט טרוימען מיינען ווען
זוכען האָפנונג ווען דו וואַכסט
מאַכט ליכטיקער דעם טאָג פאַרטרייבט
די אנגסטן ביי דער נאַכט

ס׳פאָדערט זיך נאָר אַ ביסעלע
פאָרשטעלונקס קראַפט אויף די
פליגלען פון פאַנטאַזיע וועסטו זיך
אַוועק טראָגען העט-העט ווייט
ווי די וועלט האָט נאָר אַן עק

אנטפּלעקן וועט זיך פאַר דיינע אויגען
וואונדערליכע פּייזאַזשען הערליכע
פּאַנאָראַמעס וועסט אפילו הערן
האַרציקע זיסע מוזיק און
האַרציקע סערענאַדעס

קוקסט זיך לאַנגזאַם אַרום
שוין מיט ביידע פיס אויף ג-ט׳ס ערד
מיט אַ שטילן פלוסטער זאָגסט צו זיך
ס׳איז געוועזן די ווערט

אַ שאָד נאָר וואָס ס׳געפינען זיך
געוויסע עלעמענטן וואָס קענען דאָס
העכערע נישט אָפּשאַצן נישט
איינהיטן די ווערטען

טאָג ווי נאַכט נאָר זיי טראַכטן
דאָס שענסטע צו פאַרניכטן
אַלעס חרוב מאַכן, טרויעריק
אויפן האַרצן אויף די ליפּען

אַ איראַנישער שמייכל נישט
קיין נייעס פאַר עקסטרעמן אין אַזאַ
צורודערטער וועלט אַלעס לייגט זיך
אויפן שכל.

אומגערולדיג

האפערדיק מונטער אויף זיין וועג
דעם קאָפּ הויך אויפגעהויבן
פון דער ווייטען אַ הויכן שענעם
באַרג דערבליקט אין ווייכע גראָזען
ווי אין אַ סאַמעט גרינעם
טעפּיך איינגעהילט

און ווי דער שיינער הויכער באַרג
האָט אים געלאָקט און ער האָט
זיך געגעבען דאָס וואָרט אַז נישט
נאָר וועט ער זיך צו דעם שיינעם
הויכן באַרג דערנענטערן נאָר דעם
סאַמע העכסטן שפּיץ דערגרייכן

און גאָר נישט לאַנג געטראַכט
און מיט אימפּעט אין דער ריכטונג
לויפן זיך געלאָזט — און מערקווירדיק
אין אַ זייער קורצער צייט דעם סאַמע
מיטן באַרג דערגרייכט

צום בעדויערן אָן אויסגעשעפּטער
אָן כוחות אין סאַמע מיטן געבליבן
ליגען דאָרט פאַרשמאַכט — טיף אין זיין
באַוווסטזין אַ חרטה געפיל דערוואַכט

נישט געטאָרט זיך אַזוי יאָגן איילן
שטופּענווייז געדאָרפט פּרובירן נאָך
אַזוי פיל מי אַלעם זאָל
געין פאַרלוירן? הא ס'מאַכט ניט
איך וועל זיך נאָר אַביסעלע אויסרוען

אפּכאַפּען דעם אָטעם ...... אָבער דאָ
נישט אויסגערעכנט אומגעדולדיק
זיך אַ שטעל געגעבען און
אַנשטאָט קלעטערן ארויף מיט אַ
שווינדלערישע שנעלקייט באַרג
אַראָפּ געפלויגן

און ליגענדיק אַזוי צופוסנס פון באַרג
געקוקט אַרויף אויבן און מיט
ביטערקייט ביי זיך געטראַכט
זע נאָר ווי הויך דער באַרג איז
און נאָך העכער איז דער שפּיץ

לאנגווייל

האָט זיך אַ בלעטעלע געוויגט
אַהין און צוריק ברוגז אָנגעבלאָזן
אַך ווי לאַנגווייליק אויף דעם בוים דאָרט
שטענדיק בלייבן אויף דעם זעלבן אָרט

הערשט נעכטן געזען אַזוי פיל
בלעטלעך פליען אַרויף און אַראָפּ אַרויף און אַראָפּ
געהאַט אַ מעגליכקייט צו זען וואָס פאַר אַ
פּנים די וועלט האָט און פּלוצים
האָט אויסגעבראָכן אַ ווילדער שטורם
אָפּגעריסן דאָס בלעטעלע פון בוים
אַוועק געטראָגן אין ווייטען־ווייטען רוים
אַך ווי גוט ס׳איז אַזוי צו פליען
אַרויף און אַראָפּ ווי ס׳וואָלטען
דיר אייגענע פליגעלעך אויסגעוואַקסען
און שוועבסט אַזוי אין דער לופטן

און פליענדיק אַזוי מיט אַ אומפעדיגען
געווירבעל, פאַלט דאָס בלעטעלע
אַזוי געשווינד אַראָפּ אין אַ וויסט פאַר
וואָרפן ווינקל — זע נאָר ווי פיל
בלעטער ס׳וואלגערן זיך דאָ אַרום

עפּים אַזוינע געלע פאַרוועלקטע און מידע
ווי קומען זיי דאָ אַהער?
ווי נייגעריק איז צו וויסען צו געקומען זיינען
זיי אַהער מיטן גוטען ווילן צו פּשוט
פון לאַנגווייל אַהער פאַרקראָכן

ס׳יאָקט דיך אַ אומרואיקייט
מיט אַלע קרעפטען דו זוכסט אויס
צומיידן — אַנטלויפן פון
לאַנגווייליקייט — אַבער זעלטן זעלטן
גיט זיך דיר איין וואָס דו זוכסט

דער פּאַרמעסט

אויף אַ צווייגעלע אַ דינס אַרויף און אַראָפּ
געהוידעט זיך אַ פויגעלע אַ קליינס
מיט גאָר דינינקע טענער אַריבער געזונגען
צו זיין חברל דערנעבן וואָס אויף
איין פיסעלע געהאָנגען, אין גאָר נישט קיין
פויגעלדיקע געדאַנקען געווען פאַרזונקען

הער זיך נאָר איין בעל מחשבות
דו שעמסט זי דָגאָר נישט אין
אַזאַ פראַכטפולן טאָג מיט טראַכטען
זיך גאָר פאַרנעמען?
לאָמיר זיך בעסער אין אַ פלי
געוועט זיך פאַרמעסטען און דעם
הויכן באַרג דאָרט דערגרייכן
אויסגדרעט דאָס קעפּעלע און אַ פינטעל
געטון מיט אַ ברוין אויגעלע אוים
געציפּט אַ פעדערל פון אונטערן פליגעלע
און פלינק זיך אַ לאָז געטאָן העט אויבן

אַרום געקרייזט געשוועבט אין דער לופטען
פאַרשידענע פיגורן און קונצן
הינטער דעם בליען הימעל באַוויזן
איך האָב אַזוי באַוווּנדערט זייער
לייכטקייט זייער שוואַנג

מיינע בליקן נישט אַרונטער גענומען
ביז זיי האָבן זייער פאַרמעסט געווינען
דעם הויכן באַרג דערגרייכט
און זיצענדיק אַזוי אין פּאַרק

בין איך זיך מודה אַז איך
שעם זיך פשוט פאַר זיך אַליין דאָס
צו צוגעגעבען — אַז אין פאַרגלייך
מיט די פייגעלעך בין אַליין אין מיין פאַנטאַזיע
נאָך העכער געפלויגן

ווען די יוגנט רוקט זיך אוועק

און דו ארבעטס און דו שקלאפסט
דער קאפ איז פול מיט פלענער
אז די וועלט פארדארבען איז
מ׳דארף זי מאכען שענער

און דו זשאלעוועסט נישט קיין מי
דו בלייבסט נישט לאנג אויף
איין ארט פארגינסט זיך נישט
קיין איין מינוט רו
אט ביזטו דא אט ביזטו דארט

דאכט זיך אומעטום שוין געווען
אין ערגיץ איז נישט בעסער
דאכט זיך שוין אזוי פיל געזען
די וועלט די זעלבע אויף א האר
נישט שענער
און אנטשוישטער א מידער בלייבסט
אזוי פארטראכט

פריער נישט געהאט קיין מעגליכקייט דעם
אטעם אפצוכאפען און מיט אמאל
פארמאגסטו צו פיל צייט

דער דיאַלאָג פון אַלטען און נייעם יאָר

ס׳פּירט זיך שוין אין אַלע צייטן
ווען מ׳געזעגנט זיך מיט דעם יאָר
דעם אַלטן אויף טעלעוויזיע
ראַדיאָ און צייטונגען
נאָכאַנאַנד גייען אָן וויכטיקע דעבאַטען

מ׳אַנאַליזירט מיט וואָס דאָס אַלטע יאָר
האָט זיך אַמיינסטן אויסגעצייכנט
מיט אירע אויפטואונגען און געשעענישן

דאָס נייע יאָר נאָך גאָר יונג
אָט הערשט אָנגעפאַנגען זיך לערנען
ווי אַזוי די ערשטע טריט שטעלן
מיט איין פוס די שוועל אַריבער שפּאַנען

אין אַ ווינקעל נאָך געטראָפן אַ מאָדנע
געשטאַלט דעם רוקען געבויגען
ווי אַ שפּון אויסגעדאַרט אָך דו
שלימזל האָסטו מיר איבערגעלאָזט אַ
ירושה, זאַכען אָנגעפאַנגענע ווייט נישט
דערגאַנגענע און איין ג-ט ווייסט ווי לאַנג
מיר וועט נאָך נעמען פון דער
בלאָטע אַרויסקריכען נאָר ניש-קשה
איך וועל שוין מיט קיין פאַרלייגטע הענט
נישט זיצען קענסט זיך שוין אויף מיר פאַרלאָזן
איך וועל שוין מיינס דערגרייכן

ביים אַרויסרעדן דאָס וואָרט דערגרייכן
האָט זיך דאָס אַלטע יאָר געגעבען
אַ צאַפּל אַ טרייסל יאָ דו ביזט
גערעכט איך קען אויף דיר קיין
פאַראיבל נישט האָבן

ווייל פונקט ווי דו אין דער זעלבער צייט
אויך אַזוי האָפעדיק געווען און מיט די
זעלבע טענות געקומען צו דעם פאַרגאַנגענעם
יאָר און אויף איין האָר נישט קלוגער געווען
פון דיר

פון דעסטוועגן האָב איך אין מיין צייט
גרויסע זאַכען אויף געטאָן מ'וועט אפילו
אויף מיין רעקאָרד פאַרצייכענען אַז איך בין
געפלויגען צו דער לבנה אין די 6 טאָגיקע
ישראל מלחמה נו יאָ טאָקע די
לבנה דערגרייכט אָבער אין וואָס פאַר
אַ צושטאַנד האָסטו געלאָזט די ערד?
הער זיך איין יונגערמאַן
דערווייל ביזטו נאָך נישט אַזאַ
גרויסער צולייגער

דו ביזט נאָך יונג און גרין
ערפאַרונג דאַרפסטו הערשט לערנען
ביי מיר, און איידער איך גיי זיך
געזעגענען מיט דיר איז הער זיך צו

גלייב מיר איך בין דיר נישט
קיין שונא — פאַרקערט איך ווינטש
דיר די בעסט און איך בין מער
ווי זיכער אַז אויך דו וועסט אויף
דיין אייגענער האַנט זיך לאָזען אין
די רוימען אין די הויכע ספערען

ווייטער די געהיימנים פון דער לבנה
שטודירן דו וועסט נאָך מסתם פון דאָרטן
לבנה שטיינער ווי אויך לבנה שטויב ברענגען
איז מיין עצה צו דיר, אַז איידער דו
מאַכסט דעם גרויסן עקספערימענט

זע מאַך אַ טאָלק אַדאַ
ביי אונז אויף דער ערד
ווייל נאָך אַלעמען די לבנה
וועט ניט אנטלויפן זי וועט
בלייבן דאָרט אויף דעם זעלבן אָרט

און וואָס אמבאַלאַנגט וועגן שטויב?
פאַרמאָגן מיר דאָס מער
ווי גענוג און האַלב אומזוסט

דער כח פון אַ טרייסט וואָרט

דאַכט זיך אַלע געסט זיך שוין
צוגאַנגען און קיין איינער מער נישטאָ
איז ווערזשע קלאַפּט דאָרט אין מיין
פענסטער אין אַזאַ שפּעטער שעה?

און אפשר האָט זיך ווער פון מיטן
וועג זיך אומגעקערט אויף אייטערן
דאָס טרויעריקע געמיט אַ טרייסט וואָרט
אין אַ שווערער שעה צוטיילן

אָך ווען די וועלט וואָלט אָפּגעשאַצט
און פאַרשטאַנען דאָס ריכטיקע וואָרט
אין דער געהעריקער צייט וואָלט זי
זיכער די טרויעריקע קאָנסעקווענצן
פאַרמיטן — ווי ס'ווערט דערמאָנט
אַ געוויסער אויסדריק החיים והמות
ביד הלשון
און נאָך גרויסע אַמפּערנישען
וואָלט מען נישט געבליבן בלויז ביי
רייד, נאָר ביי ממשותדיקע טאָטן

צום באַדויערן ליידן אַמ-מיינסטען די
אומשולדיקע פון יענע קראַנקע
גרויזאַמע אינסטינקטן — די וואָס
ווילען פעלערן אויסבעסערן פאַלען
קרבנות, ווייל זיי בלייבן שטיין
ביי קאָרופּטע געזעצן פאַרמאַכטע טירען

און ס'איז אַ באַשטעטיקטער פאַקט
אַז מענטשן זיינען אַזוי פאַרשידן
צו די שרעקליכסטע געשעענישן
זיי בלייבן גלייכגילטיק קאַלט

מאַנכע פּטרן אָפּ מיט אַ מאַך מיט
דער האַנט — מיילא וואָס קען מען טאָן
מ'קען זיך נישט העלפן —ביי אַנדערע
ווידער איז דער געפיל אַ שאַרפער
ס'קאָסט זיי שטיקער געזונד
ס'איז אַזוי שווער צו פאַסען
צו מערדערישע טאָטן

„די צושטערער פון בילדונג"

ווי בייזע שפּאַרבער זיך אַרוים געלאָזט
אין אַ ווילדען געיעג אין אַן אום
פאַראַנטוואָרטליכן טאַט
געשטערט די יעניגע וואָס געבליבען
אונטער פאַרמאַכטע טירן

אויסגעקליבען ווייטער אָנגיין מיט
די לימודים מיט זייער שטודירן
נישט אַרויסגעוויזען קיין טראָפּען
דרך־ארץ קיין אפשיי פאַר
אינסטיטוציעס וואָס גענומען האָט לאַנגע
יאָרן פיל פּראַצע און מי דאָס צו
עטאַבלירן

זיי פאַרמאָגען אַבסאָלוט קיין אַנונג
פון שאַפען פון בויען — זייער גאַנצער כח
באַשטייט פון חרוב מאַכען פון
צושטערן איינגעפונדעוועטע קאָלעדזשעס
אוניווערסיטעטן און פאַראורזאַכען אַ
גוואַלדאָוונעם שאָדען
אין נאָמען פון נייע אידעען זיי ברענען
לייברערים, זעלטענע ביכער זיי
פאַרניכטן אין ביבליאָטעקן

און אויב די לייט מיינען אַז מיט
פּאַראַדירן אויף די קעמפּוסעס
מיט געווער און ביקסען וועלן זיי
דערגרייכען גאָט ווייסט וואָס?

דאַן מאַכען זיי דעם גרעסטן טעות
לא זו הדרך נישט דאָס איז דער וועג
זאָלן זיי בעסער צו לייגען דעם קאָפּ
עפּיס לערנען — אין אַזוינע קריזיס צייטן

טאָר מען דעם קאָפּ נישט פאַרלירן
ס'פאָדערט זיך אַ גראָדער שכל און
גלייכצייטיק אַ שטאַרקע האַנט נישט נאָך
געבען זייערע גוולאַדטאַטן זייער
צושטערערישן ווילן

זאָלן פון דעם קאָלאָסאַלן גאָרטן
דעם רייכסטן אין דער וועלט אוים
ראַמען די גיפטיקע גראָזן
באַזייטיקן די אומווירדיקע געוויקסן

אויב זיי ווילען נישט אַז דאָס געשאַפענע
זאָל אין גאַנצען צוזאַמען ברעכען
די מענטשהייט זאָל נישט באַנקראָטירן

דעם. 26 — 1968
אַלע האָבן געשוויגען

אין די הויכע ספערן האָט דער דזשעט
געשוועבט מיט זיינע פרידליכע פּאַסאַזשירן
זיין פאַראויס אָנגעצייכנטן פּלאַץ
בשלום דערגרייכט מיט אַ קורצען אָפּרו
פאַרזעצען זיין פלי

פּלוצליך אָן שום וואָרנונג האָבן זיך
דערהערט שאָסען פון הארמאַטן באַזוקעס
און ביקסען — אין איין אויגנבליק פאַרשניטען
דאָס יונגע לעבען פון דעם אינזשעניר
קריטיש פאַרוואונדעט געוואָרן די
האָסטעס פון עראָפּלאַן

די מערדערישע ארבעט האָבן אויס
געפירט צוויי אויסגעשולטע טעראָריסטן
פון לבנון — פון דעם פיראַטישן
אָנפאַל האָט אַ יעדער געשוויגן
נישט געהערט אַז עמיצער זאָל חלילה
פּראָטעסטירן

נו האָבן אונזערע העלדן נישט
מער געקאָנט וואַרטן און נקמה
גענומען פאַר דעם אומשולדיגען
פאַרגאָסענעם בלוט

נישט חלילה מיט אומברענגען אַ לעבן
פאַר אַ לעבן פון ציווילע — נאָר מיט
אויסרעכנונג אויפן פלי פעלד פון זייערע
צובראָכענע עראָפּלאַנען

און מיט אמאל האט אלעמען ארום
געכאפט ווי א וואלד פייער און
געשריגען האבן זיי מיט באנומענע קולות
ס'טייטש ווי וואגען זיי און טאן
אזא גוואלדאווענע שאדן?

אפילו אונזערע אייגענע פריינד
מ'שטיינס-געזאגט זענען געווען
די ערשטע צו פארדאמען ישראל
פאר איר נקמה אקט נעמען

און ווען אונזער אמבאסאדאר יוסף תקוע
האט זיי געשטעלט א פראגע ווי
זענט איר אלע געווען ווען מען האט
פארגאסען אונזער בלוט?

די מערדער האבן דאך אפילו נישט
געלייקענט אז זיי זענען געשיקט געווארן
פון א געווויסן לאנד אלעמען אומברענגען
פארקערט זיי האבן זיך גאר געגרויסט
מיט זייער מערדערישן אקט — דאס איז
ביי זיי גאר פאר רעכנט פאר א
העלדען טאט

ווי קומט דאס וואס ס'האט זיך
עפים נישט געהערט קיין איין פראטעסט
אלע — אלע אן אויסנאם האבן געשוויגען
אנגענומען א מויל מיט וואסער קיין פיפס

ווי שווידערליך ס'איז געווען דאס שווייגן
ס'האט געמאנט און גערופן נאך נקמה
אם אין אני לי מי לי אויב נישט
מיר אליין וועט זיך קיינער פאר אונז
נישט אן נעמען

אפילו דאס הייליגע פאטערל
אין רוים האט מיט פארגלאצטע אויגען
פארדאמט ישראל אזוי ארום האט
וייטער געגעבען א הכשר אויף
זייערע גוואלדטאטן

יעצט פרעגט זיך אַ פראַגע פון
וועמען זאָלן מיר זוכען יושר
פון אונזערע פריינד?

דעמאָלט ווען מען ערוואַרט פון זיי
אַז זיי זאָלן שטיין ביי אונזער זייט
זאָלן אָן נעמען אַ גערעכטע שטעלונג
ערשט דעמאָלט נעמט זיי אָפּ דאָס
לשון — מ׳הערט קיין וואָרט
אַלע שווייגען

בענקשאפט

אך ווי שווער ס׳איז דאס אוועק פארן
נאך שווערער דאס געזעגענען
און אזוי צערטליך ער פארקוקט אין
אירע אויגען, און געהאלטען
אין איין פארזיכערן איר

אז פאר א קורצער ווילע ער
וועט פארזאמען אין א מונטערער
א פרישער גאר שנעל זיך אומקערן
צו איר און געצויגען האבן זיך

לאנגווייליקע פיינליכע טעג
שלאפלאזע נעכט דאס בענקשאפט
נישט אויסצוהאלטען

לאנגע שעה׳ן שוין אוועק און צייט
אויסלעשן דאס פייער
אין זיסע חלומות זיך פארוויקט
אז קומען וועט ער באלד צוריק
ווער ס׳איז ביי איר טייער
ווייל באנען גיין 2 א טאג
און איינער קומט אין אוונט

שא מיר דאכט זיך איך הער א
גלעקעלע דארטען קלינגט מיין
הארץ זאגט מיר אז ער איז
שוין גאר נאנט

פלוצלונג הער איך מען קלאפט אין טיר
מען רופט מיך אן ביים נאמען
איך שפרינג אראפ א בארוויסע
הוי ער איז שוין געקומען

דער כותל־מערבי

איינגעהילט אין זיין פריצייטיקען טראַכט
זיין קאָפּ הויך אויף געהויבן
שפּרייזט ער מיט אַ זיכערן טראַט
צו דעם אַלטן ישוב צו די וועגען פון תנ״ך

און ס׳ציען זיך שערענגעס לאַנגע
יונג און אַלט קינד און קייט דאָס
זיינען זיי אַלע עולה־רגל צו דער
אַלטער איינציק פאַרבליבענער וואַנט
וואָס זי שטייט ווי אַ פעסטונג אַ מויער
פון דעם צושטערטען בית־המקדש אַ
דערמאָנונג — צו דעם הייליגען טעמפּל
אַ זכר, און מיט אויגען פול מיט
פאַרערונג — מיט אויסגעבענקטע הערצער
זיי רירען אָן די שטיינער

פאַרוואַקסענע מיט מאָך און מיט
גראָזן אונזער פאַרהייליקטער
כותל־המערבי, און אָט דער
נענטערט זיך אַ יונגער זעלנער

די ביקס נאָך אויף זיין אקסעל
פאַרוואָרפן — געקומען איז ער דאַנקען
פאַר זיין יונג־געשענקט לעבן
גלייכצייטיק איז ער פול מיט צער

און פון זיינע אויגען גיסען זיך הייסע
טרערן פאַר זיינע געפאַלענע חברים
אין שלאַכט — וואָס האָבען אַזוי העלדיש
געקעמפט פאַר דעם זיג פאַר דעם נצחון
אוועק געגעבען זייער יונג לעבן

און כאַטש אונז טיילט אָפּ אַ ווייטע
שטרעקע אַ גרויסער מהלך
זיינען אונזערע אלעמענס געפילן מיט
זיי דאָרטן — אין אַ יעדער געשעעניש
אין אַ יעדער פּאַסירונג — אונזערע
אַלעמענס הערצער פּלאַטערן און
ציטערן אין די גורל׳דיקע טעג

און כאַטש זיי האָבען אויף אַ מייסטערהאַפטן
אופן געווינען די מלחמה — איז צום
באַדויערן הענגט אָפּ זייער אסך פון די
פילע שונאים וואָס צונויף געזאַמעלט זיך
ביי דעם קיילעכדיקן טיש צווישען
פעלקער ביי דער יו־ען

וואָס זייער ציל איז צו פּאַרשאַכערן
דעם שלום — אָבער מיר וועלן ניט אויף
גיבען און ווייטער קעמפען פאר א יושר׳דיקן
דויערהאַפטן פרידען
און כאַטש ס׳הערן נישט אויף צו פּאַלען
אונזערע יונגע העלדן האָבען מיר דאָך
דערלעבט דעם 21 יום העצמאות
כי עם ישראל חי
און אונזער אידיש פאָלק וועט ווייטער
לעבן

די וואָג־שאָל פון גערעכטיקייט

שוין אויסגעזונגען אַלע לידער
אַלע געשיכטעס שוין אוים דערציילט
אונטער דער ווירקונג פון די לעצטע
געשעענישן אַזוי פיל זאַכן האָבן
זיך געביטן

די באַליבטע ערטער צוריק אַריין
געפאַלן אין אידישע הענט און פאַר
פאַסט האָבן זיך גאַנץ נייע לידער
אין געשיכטע — זיך אָנגעהויבן פונסניי
פון בראשית

זי ציט זיך אין פאַרזעצונגען און
ליינט זיך ווי אַ כישוף׳דיקער ראָמאַן
כאָטש נישט אויסגעלאָזט און נאָכגעפאַלקט
אַלע נייעסן — מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם
צו דער טעלעוויזיע צוגעשמידט

מיט די אייגענע אויגען געזען דאָרט
ווי געוויזען די אויסערגעוויינליכע פּאַסירונגען
אין 1967 דאָך מיט דעם פשוטן שכל נישט
נישט געקענט אַלעם באַנעמען — ס׳איז
שווער צו פאַרשטיין — ווייל דאָס
איז אַן ענין פאַר היסטאָריקער
פיליזאָפען — זיי וועלען זיך
גריבלען און פאָרשן

אין אַ צייט אַרום וועלען די אַלע
פאָרשונגען זיך פאַוואַנדלען אין
זעלטענע ספרים אין שווערע
דיקע טעקסט ביכער

מען וועט זיי איינהיטען ווי די
טייערסטע ווערטען עד לסוף כל הדורות
פאַר די קומענדע דזשענערייזשאַנס
אָבער איין זאַך איז אונז אַלעמען קלאָר

אַז דאָס קליינע און געפּלאָגטע עם ישראל
וועט זיך נישט לאָזען פאַרניכטען
זי וועט ווייטער בראַוו קעמפען ווייל
זי ווייסט אַז זי שטעקט ווי אַ ביין
אין האַלז אירע שונאים זיי קענען דאָס
נישט אַראָפּ שלינגען און אויך
נישט אוים שפּייען

היינט צו טאָג נויטיקן מיר זיך אין
אַ צווייטען נס אַז די וואָג-שאָל פון
גערעכטיקייט זאָל זיך איין מאָל פאַר
אַלע מאָל אַריבער וועגען אויף אונזער זייט

אויף דער זייט פון בראַווען פון
קעמפענדען פון גערעכטען
מיר שטיין יעצט על פרשת דרכים
אויף דעם שייד-וועג און ס'איז זייער
שווער דעם וועג אויסקלייבען

ווייל מען דריקט אונז פון אַלע זייטען
נישט נאָר די שונאים נאָר אויך
אונזערע פריינד — ווי לויטעט דאָס
ווערטל אין ישראל באין-ברירה
מיר האָבן נישט קיין אויסוועג
אָבער מיר מוזען גלויבן אַז נצח
ישראל לא ישקר און דאָס אידישע
פאָלק וועט נישט אונטער גיין

דער מאב

געהויבען האָבן זיך פייערדיקע קנוילן
אין דער הייך ביז צו די הימלען
דערגרייכט, דערטראָגן האָבן זיך
פון אַלע ווינקלען קנאַלן פון ביקסן

שאָסען פון איבגעריסענע באָמבעס
מענטשליכע לעבנס הפקר נישט
געשווינט געשעפטן איינגעפונדעוועטע
היימען צושטערט

אונזערע גאַסן ווערן פלוצלום
פאַרוואַנדעלט אין חורבות
ריזיקע פאַרמעגענס
אַוועק מיטן רויך

מיט אָרימקייט איז זיך נישטאָ
וואָס צו שעמען — דעם אמת געזאָגט
איז אויך נישטאָ מיט וואָס זיך
איבער צונעמען

אָבער ס'איז דאָך אַ פאַקט אַז
גראַדע פון אָרימע היימען זיינען גרויסע
פערזענליכקייטן אַרויס געקומען

מ'מוז צוגעבען אַז אין אַלע צייטען
די געזעלשאַפט איז גענוג
פעלערן באַגאַנגען
דאָס באַרעכטיקט אָבער נישט אָנוויף
יענעם די גאַנצע שולד אַרויף לייגען

און פון זיך זעלבסט אַ יעדער
פאַראַנטוואָרטליכקייט אַראָפּ וואַרפן
דאָס איז די אַרבעט פון אַ בייזער
האַנט פאַרסמטע מוחות — וואָס האָבן
קיין פאַרשטאַנד קיין אַנונג

אין די באַדייטונג פון שאַפען
פון בויען צושטערונג איז זייער
מאַטאַ — און ס׳שטעלט זיך אַ
ברענענדיקע פראַגע צייכן — פאַרוואָס?

פאַרוואָס אין אַנדערע לענדער
אונטער אונמענטשליכע אומערדיקונגען
וואַגען זיי דאָס מויל נישט אויף עפענען
און ס׳ווילט זיך האָפן און בעטן אַז
זיי זאָלן דערזען דעם טיפען קאָנטראַסט
אַז קלאָר זאָל ווערן דעם דור הפלגה
דעם ציושטען מאַב אַז לאַ זו-הדרך
נישט דאָס איז דער וועג דורך
רציחות מערדערייען און צושטערונגען
וועט מען נישט געפונען די אַזוי
גערופענע פרייהייט

עקספּאָ — 67

ווען צוגעהערט זיך צו דער טעגליכער
נייעס — און זיך צוגעקוקט צו די
געשעענישען אויף טעלעוויזיע
איז מילד גערעדט אַז מיין שטימונג

איז גאָר נישט געווען קיין געהויבענע
בעסער געזאָגט אַ דערדריקטע און
כדי־זיך עטוואָס צו צושטרייען
אַ דרוק געטאָן דאָס קנעפּל און צו
געקוקט זיך צו דער קענעדער אויסשטעלונג
עקספּאָ־67

און מ׳מוז דאָ צוגעבען אַז זייער מי
איז נישט געגאַנגען פאַרלוירען — ס׳איז
זיי געלונגען אויף אַ סך געביטן
און נישט אומזיסט זיינען זיי זייער
שטאָלץ אין דער הינזיכט דאַרפן
זיי זיך גאָר נישט שעמן פאַר
אַנקעל סעם אַנטקעגן זייער רייכען שכן

פון גרויס אינטערעס איז פאַר מיר
געווען אונזער אַמעריקאַנער פּאַוויליאָן
צו זען אַגב די קריטיק וואָס
איך האָב געליינט איז גאָר נישט
קיין גינסטיגע געווען

באַצייכענט האָבן איר די
קריטיקער AN EMPTY SHELL

דעם אמת געזאָגט מיר האָט דאָס
ווי־געטאָן — ווייל אחוץ נישט
יושר׳דיק איז די אויפפאַסונג אויך
נישט ריכטיק געווען

ווייל ווי באַוווּסט קען מען אויב מען וויל
גאַר ליינען דאָס בריוול פון ביידע זייטען
אָן צווישען די שורות
ווייל אָנקעל סעם האָט געהאַנדעלט באַשיידן

גאַר נישט ווי קיין אויפגעקומענער גביר
נישט נויטיק זיך אויפצייגען פאַר
די געסט מיטן פולען סעט
טיש זילבער און מיט דעם
גאָלדענעם געשיר

איך ווייס מסתם בין איך נאַאיוו
ווייל אַזוי רעדט אַן אמתר פריינד
וואָס איז מלמד זכות
אָבער אַ שונא גיט דאָס אַ געלעגנהייט
אָנקווועלן פון דער מפלה זיך
דערלעבן אַ נקמה

און ווען מען רעדט פון שונאים
דער מין פעלט אונז נישט
מיר פאַרמאָגן זיי מער ווי גענוג
ווייל דאָ האָט זיך אַלעס אַרויסגעוויזן
ריכטיק

דער קאָנטראַסט איז געווען זייער אַ גרויסער
מיט איין מאָל איז די גאַנצע בינע
געוואָרן פאַרפלייצט מיט אומצאָליקע
פּראָזשעקטאָרן און ליכטער

אין פאָדערגרונט האָט זיך אַרויס
געדרוקט אַ ריזיקע פיגור
לענינ׳ס קאָפּ אין אַ סקולפּטור
שרייענד גראַטעסק

נישט געפעלט דאָרט קיין פּראָפּאַגאַנדע
זיך פאַרפאַלקאָמט אין אַלע קורסן
געוואָרפן דער גאַנצער וועלט
פאַרעך אין די אויגען
נאָט זעט וואָס מיר פאַרמאָגן
און וואָס מיר וועלן הערשט באַווייזן
און גענומען האָט טאַקע נישט לאַנג

װען געצייגט האָט מען דאָרט אַ
פֿעשאָן־שאו — פֿאַראַדירט האָט
מען דאָרט אין מיני־סקוירט אין
טייערע פוטערס פּרעכטיקע
איווינינג גאונס

ס׳האָט דאָרט געבלישטשעט און
געגלאַנצט — מיט דימענטן
בריליאַנטן אַזאַ פֿאַרשווענדערישע
רייכטום אומעטום

דער פּראָלעטאַרישער לענין האָט
זיך דאָרט אין קבר געמוזט
איבערדריין און איבער קוליען
אומצאָליקע מאָל

באַלד האָט זיך דערהערט
פיינע מוזיק פון זייער טעאַטער
פּרעכטיקע טענץ פון באָלשוי־באַלעט
קיינער פֿאַרשטייט זיך װאָגט נישט אַפּ
צוּלייקנען די קונסט, אָבער דאָ

פֿאָדערט זיך ציען אַ פּאַראַלעל און
לערנען אַ מוסר־השכל דעם מאָראַל
אַז דער קאַוויאַר און דער וויין
זיינען טאַקע די בעסטע
זיי שטיין אָבער אין די
כלים די ערגסטע

צייט

דו שפּיגלסט זיך אין דיין
שוואַרצען קאָפּ האָר
זיי כוואַליען קרויזן זיך
גאָר אָן אַ שיעור

דיינע פינגער זיי זינקען
פלאָנטערן זיך אין אַ ווייכקייט
סאַמעט זייד
דער קאָליר שוואַרץ אַזש בלוי
פלעכטן זיך צעפּ ווי שלאַנגען צוויי
נעמען דיין קאָפּ אַרום ווי אַ קרוין אַזוי

און די צייט שטייט אויף קיין אָרט
אַן רחמנות זי מאַכט איר אומבייט
און ווי ערשטוינט דו ביזט
ווען אין איינעם אַ טאָג דו
געפינסט אויס

אַז אַנשטאַט שוואַרץ אַזש בלוי
געבליבען גאָר זילבער גרוי
פּאָר אַ קורצער ווייל דו
בלייבסט אַזוי פאַרשטילט

און אַ פראַגע טויכט אויף ביי דיר
איז ווען׳זשע איז דאָס געשען?
האַ: דאָס איז די צייט
אַ בייזע פאַררעטערין טוט דיר אָפּ
שפּיצלעך

פּאַר פאַרדרוס דו בייסט די ליפּן
קריצט אַזש מיט די ציין
אָבער נאָך אַ לאַנגען נאָכטראַכטען
דו מאַכסט אַוועק מיט דער האַנט

נו וואָס איז דאָ דער געוואַלד
כאָטש נישט פאַראַן מער דאָס
שוואַרץ אַזש בלוי נאָר געבליבן
איז זילבער גרוי
נישט פאַרשווינדן איז דער סאַמעט זייד
נאָך פיל ווייכקייט דאָרט פאַראַן

פרייהייט

דאַ נישט לאַנג צוריק מיט אַ
גאַר פיינער מתּנה מיך פּרעזענטירט
אַ שטייגעלע אַ שיינס אַ נאַכטיגאַל
און אַנטיק

פאַרזיכערט האָט מען מיך אַז
זיין זינגען איז פון איידעלסטן סאָרט
ס׳דערפרייט דאָס הארץ
ס׳פאַרלייכטערט דאָס געמיט
מיט אַזוי פיל אומגעדולד אויף
זיין זינגען געוואַרט
צום באַדויער איז אַוועק אַ גאַנץ
היבשע צייט קיין פּיפּס פון
דאָרט נישט געהערט

דער רעזולטאַט איז גאַר
געווען אַ פאַרקערטער
אַנשטאַט דעם לייכטען געמיט
מיט זיין טרויער מיך אַנגעשטעקט
ווייל טיף אין אַ ווינקעל זיך
פאַררוקט פאַרשוויגן
מיט אַ טיפער רעזיגנאַציע

אַ טרויער נישט פון דער וועלט
איך האָב זיך מיין מח געבראָכן
ווי האָב איך דאָ געפעלט?

דאַכט זיך אַלע פאַרשריפטן
נאָך געקומען דאָס שטייגעלע
געהאַלטן זויבער ריין צו דער
צייט די בעסטע זערנעכלעך געגעבען
און וואַסער קרישטאַל ריין

אבער דאָ האָט עפּיס אין מיין מח
אויפגעבליצט און אויף מיין שטייגער
מיטן פויגעלע זיך דורכגעשמוסט

האָ איך פאַרשטיי דיך אויסגעצייכנט
אונטער אַזוינע אומשטענדן ווען
גלוסט זיך דאָ צו זינגען
ווען דיין פרייהייט צוגערויבט איז

איז כאָטש איך האָב דיך אַזוי
ליב באַקומען איז זע
אָט זיינען אַלע פענסטער פאַר די אָפען
דו ביזט פריי און מיט די
ווערטער האָב איך זיך צו מיין
צימער צוריק געצויגען
ווי אויסגעליידיקט שטיל געזעסען

אַבער מיט אַ מאָל אויף מיין אַקסעל
אַ לייכטן ריר דערשפּירט
אַ שנעבעלע מיט ליבשאַפט מיינע
האָר געצופּט

הייסט דאָס אַז דו האָסט
אינסטיקטיוו מיין צוגעבונדענקייט דערפילט
און דערטראָגן האָבן זיך באַלד
אַזעלכע הערליכע טענער

און דאָס זינגען מיט פאַרשידענע
וואַריאַציעס רייך געשטראָמט
אין דעם געזאַנג האָט זיך אַרויס געפילט
די ליידן פון אַ פאָלק אין אַ ווייט לאַנד

וואָס איז געצוווּנגען זיינע געפילן צו דערשטיקן
און לעבט אין אַ שטענדיקער מורא
אין זיין אייגען הויז ווי אין אַן אייזערנער
שטייג פאַרשפאַרט וואָס לעכצט
נאָך אַ ביסעלע פרייהייט
האָט נישט קיין מעגליכקייט
פון דעם געניסן ווייל ס'איז

אים שטרענג פאַרווערט זיינע
געפילן אַרויסצייגן פריי
זיך אוים צו לעבן

ווען איז דער חלום א שיינער

צייל נישט די שטערן אין הימל
צייל נישט דאָס זאַמד
מיט די שטיינדעלעך ביים ים

הענג אָן דיין בליק אין דער ווייטקייט
ביים האָריזאָנט ווי ס׳בלענדעט די שיין
שליסן זיך לאַנגזאַם דיינע אויגען
דו פילסט ווי אַ פעדרל גרינג

אָן ענליך געפיל שוין געהאַט אַמאָל
ווען געווען ביזטו נאָך גאָר אַ קינד
ווען דיין רייכע פאַנטאַזיע האָט דיך
אין הימלן פאַרטראָגן

געוווינט דאָן אין פּרעכטיגע פּאַלאַצען
קיין דירה געלט דאָרט נישט געצאָלט
די ווענט מיט די פיינסטע קאָלירן
געווען זיינען דאָרטן געמאָלט

בלויז מיט איידעלקייט מיט עכטער
שיינקייט האָט דאָרט געאָטעמט
פאַר גוואַלדטאַטן איז דאָרט קיין
פּלאַץ נישט געווען

און ווען דו עפענסט צוריק דיינע אויגען
דו פילסט אַזוי מונטער און פריש
די ערד באַדעקט מיט אַ קילען טוי
אַלץ פונסניי איז געבוירן
די הימלען דורכזיכטיק בלוי

צייל נישט די צייט וואָס פאַרגאַנגען
ס׳גיט זיך ווען זעלטן איין
ס׳מאַכט דאָך קיין אונטערשייד
ווען דער חלום געווען אַזוי שיין

און ווען דו מוזט זיך צו דער
ווירקליכקייט פון לעבן אומקערן
מוזטו זיין גרייט אויף קאָמפּראָמיסן
דאַרפסט זיין דאַנקבאַר און אויך
פּעאיק פון צייט צו צייט אין
שיינע חלומות זיך פאַרוויגן

דערגרייכונגען

ווי לאַנג וועט נאָך נעמען
דאָס שלעכטס אוים צו ראָטן

דעם ווייטען וועג צו דערגרייכן
וואָס מיט שטיינער און פעלזען פאַרלייגט
פון הערצער וואָס מיט האַס און שנאה
אָנגעפילט

ס'איז שווער צו באַגרייפן מיט
דיין גראדען שכל
וואָס אין דיין צייט דאָס מענטשן קינד
האָט דערגרייכט

און די ווילסט זיך אין זיסע
חלומות פאַרוויגן אַז דאָס
העכסטע האָט דאָס שלעכטע באַזיקט
און דו פליסט אין די הימלען
דערגרייכסט די לבנה
מיט אַ ציטער אין האַרצען אַ
יעדער נעמט אנטייל אין דיין פלי

ס'זאָל חלילה נישט געשען
קיין סכנה בשלום זאָלסט
דערגרייכען דיין ציל

כאָטש דעם גרעסטען פראָגרעס
די מענטשהייט האָט דערגרייכט
צום באַדויערן קען מען דעם
ריזיקען קאָנטראַסט נישט פאַרזען

נישט דערהויבן האָבן זיך די
מענטשליכע אינסטינקטען
נאָר אין אַ טיפען אָפּגרונט
נאָך אַלץ פאַרבליבן זיינען זיי

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט

א שטומע שטילקייט א לבנה אַ פולע
אַ הערליכע נאַכט מיט צויבער
אָנגעזאָפּט
האָט אַ שטערנדל אויפגעלויכטען
אין בלויען הימעל

אַלץ אַרום איז איינגעשלאָפן
מיט אַן אָנגענעמען זיסן דרימל
נאָר מיר אַליין שלאָפּט זיך
עפּיס נישט אין דער שטילקייט
פון דער נאַכט

ס׳ווילט זיך בלויז בלייבן אין
טיפער שטילקייט פאַרטראַכט
אין אַזאַ וונדערליכער נאַכט
דיין האַרץ דורשט נאָך לעבן

ס׳ווילט זיך גאָר צום אַלמעכטיקן
מיט האַרץ און נשמה בעטן
גאָט גיב מיר כח גיב מיר אויסדויער
דאָס שלעכטע איבערלעבן
גיב מיר צוטרויען צו דער
מענטשהייט מיין גלויבן
נישט אָנצוווערן

די געהיימניספולע שיפען

אַן פאַררעדעס אַן שום דערקלערונגען
בין איך מער ווי זיכער
אַז מיט אַ קליין ביסעלע מי
וועט איר דעם זין פון מיין
פּאָעמע אליין פארשטיין

אין איינער אַ פינסטערער נאַכט
פון אַ ווייט אומפריינדליך לאַנד
די שיפען אין אַ צובראָוזטען
שטורמישען ים זיך אריין געשלייכט

און געהויבן זיך האָבן בייזע שוואַרצע
כוואַליעס אַקוראַט ווי מיט דעם שונא
זיך צונויף גערעדט די אומבאַשוצטע
שיפען דערטרונקען און פארניכטען

און געשווימען זיינען זיי אויף דעם
אָפענעם ברייטן ים צו אַ שטרעקע
פון 300 מייל זייער ציל צו
פרידליכע ברעגן דערגרייכן

און מיט אַמאָל זיך געכאַפּט
אַז נישט אויסגעמיטען דעם שונא'ס אויג
זיי נאָכגעיאָגט און פארפאָלגט
אָבער מיט אַ געניטע געשיקטע האַנט
דעם רודער געפירט

די יונגע העלדן זייערע יונגע לעבנס
איינגעשטעלט — און געשווימען זיינען זיי
פּאָר לאַנגע טעג און נעכט אויף
צושטורעמטע וואַסערן אין ברייטן ים
מיט דער איינציקער האָפנונג צו
פרידליכע ברעגן זיך דערשלאָגן

און פון יענער זייט ים מיט ציטערדיקע
הערצער אַנגעשטרענגטע בליקן אויף
גרויסע שפּאַקטיוון אַנגעשטרענגט און
אויסגעקוקט זיך די אויגען

גלייכצייטיק מיט אַ תּפילה צום
אַלמעכטיקן ער זאָל האַלטן אַ
וואַכזאַם אויג אויף דעם שטורמדיקן ים
זיי אויסהיטן פון סכּנה פון געפאַר

ווייל מיט אַמאָל זיינען מיר געבליבן
איינזאַם אַליין געמינערט האָבן זיך
אונזערע פריינט פאַרמערט האָבן זיך
אונזערע שונאים די פיינט

ווידערהאַלט האָבן זיך די צייטן
ווען עשו האָט פאַר אַ טאָפּ
לינדזען פאַרקויפט די בכורה
אַזוי האָבן זיי געביטן די פּאָליסי

מפקיר געווען דעם שיקזאַל פון ישראל
פּאַקטיש איר עקזיסטענץ ווייל
אַראַבישער אויל איז אַ מער גאַנגבאַרע
סחורה
אָבער האָט האָבן אויף דעם ווייטן
האָריזאָנט שוואַרצע סילועטן זיך באַוויזן
דאָס זיינען די שיפן 5 זיינען זיי
געווען אין צאָל
דערגרייכט זייער ציל
צו פרידליכע ברעגן זיך
דערנענטערט און האַפן
פון חיפה בשלום דאָרט
פאַראַנקערט

מוט און האָפנונג

שווער, זייער שווער די געדאַנקען
צוזאַמען נעמען
אין אַזאַ גורלדיקער שעה
ווי די שונאים האָבן דיך
אַרום געריגעלט פון אַלע זייטען
אַקוראַט ווי בייזע וועלף
געשטערעט די ציין — די אומבאַשיצטע
שעפעלעך פאַרציקן

אויסגעשולטע אומפאַראַנטוואָרטליכע
טעראָריסטן און וואָס זייערע
פעאיקייטן באַשטייט בלויז
אין דעם — זיי צייכנען זיך אויס
אַממיינסטן אומשולדיק בלוט פאַרגיסן

ווען רוים האָט געברענט האָט נירא
געשפילט אויף זיין פידעל
פונקט אַזוי איז די יו־ען די פעלקער
געזעסען אַרום טיש און געשטויסען וואַסער

געהאַלטען אין איין רעדן איבערגעחזרט
די זעלבע פאַרלוימדונגען
ס'האָט ממש געגרילצט אין די אויערן
ווי אַ צובראָכענער רעקאָרד
און קיינמאָל נישט באַוויזען צו קומען
צום פונקט

זיי זיינען דאָך אַלע גאָט די
נשמה שולדיק
אַלע שלעכטע טאַטן אַלע געמיינהייטן
באַגייט דער צווייטער צד

זיי ווילען זיך אויסברייטערן
פאַרשלינגען פרעמדע טעריטאָריע
זייער לאַנד פאַרנעמען

אויף אונזערע גרויסע פאַרלוסטען
האָבן אונזערע אַזוי גערופענע פריינד
געשוויגען אָנגענומען אַ מויל מיט וואסער

אָבער ווען מיר האָבן פאַר אונזערע
קרבנות מיט אַ נקמה אַקט געענטפערט
האָבן אַלע געמאַכט אַ ויצעקו אַ געוואַלד

און די ערשטע אונז צו פאַרדאַמען
זיינען טאַקע ווידער געווען אונזערע
פאַרטייטיקער אונזערע פריינד
אז אַך־און ווי צו אַזאַ פריינדשאַפט

און אויב אונזערע שונאים דענקען
אז אין דער שווערע גורלדיקער שעה
וועלען מיר אויפגעבן אונזער קאַמף
און מיר וועלן אין פאַרצווייפלונג
אראָפּלאָזן די הענט

דאַן מאַכען זיי אַ טעות
דאָס איז ווייט נישט אונזער
לעצטער גאַנג אויך נישט
דאָס לעצטע וואָרט

זון אונטערגאַנג

איך האָב מיינע אויגען נישט געקענט
ארונטער נעמען פון דעם פרעכטיקן בילד
דעם וואונדערליכען זון אונטערגאַנג
אויף דעם ווייטען האָריזאָנט

פולע סנאָפּעס ליכט און וואַרימקייט
אויף ברייטע שטרעקעס אוים געשפּרייט
אַזוי פיל שפע מיט דער ברייטער האַנט
אַ יעדען אויסגעטיילט

זאָלען נאָר קיין טונקעלע שאָטענס די
ליכטיקע זון נישט פאַרשטעלען
האָט אין מיין הארצן אַ פאַרגעפיל גענאַקט
ווייל פון דער ווייטען האָט מיין אויג דערבליקט
אַ שווארצער וואָלקן צו דער זון
זיך אָנגערוקט
און איידער וואָס — און איידער ווען
אַ לאַנגער שווארצער פּאַס אין מיטען
די זון אין צווייען געשפּאָלטן
און מיט איין מאָל דאָס פּנים פון
דער זון פאַרשטעלט

אַ טיפער קרעכץ פון מיין הארץ
זיך אַרויס געריסן
און פון זיך אַליין מיינע אויגען אויף
אַ קורצער ווייַלע זיך געשלאָסן

אָבער ווען געעפענט האָבן זיך מיינע
אויגען האָב איך גאָר שטיל גערעדט צו
זיך אליין — ווייל דאָס בילד
וואָס איך האָב דערזען איז —
גאָר נישט גרינג איבער צו געבען

גאָט זע ווי פּרעכטיק זע ווי שיין
אַריין געכאַפּט ווי אין אַ רינג דעם
שוואַרצען וואָלקען געמאַכט פון אים
אַ סוירקעל אַדורך געשפּיזט די
גאָלדענע שטראַלען האָט דאָס אוים
געזען פּונקט ווי אַ שוואַרצער
דימענט אין דער מיטען און
געבליאַסקעט מיט טויזענטער קאָלירען
ווי אַ גאָלדענע קרוין איינגעפּאַסט
מיט דימענטן סאַפּירן און בריליאַנטן

און ווידער ביי זיך געטראַכט
וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן
דו גרויסער העלד?
האָסט ווייזט אוים געצווייפעלט
אין דער שטאַרקייט אין דער גרויסקייט
פון דער זון?

ווי מיר זען האָט גאָר פאַרלוירן
דער שוואַרצער וואָלקן איז געוונען
האָט אונזער ליכטיקע זון
מיר דאַרפען הייסט דאָס זיך ניט שרעקען
פאַר טונקעלע שאָטענס פאַר שוואַרצע וואָלקענס

מיר מוזען אימער האָבן בטחון
און גלויבן אויף בעסערע
צייטען לאָמיר האָפען

הערבסט

טיף פאַרקלערט אוועק געשפּאַנט נישט
אבטענדיק ווי ער גייט ביז
אַנגעשטויסען זיך אין אַ האַרטען געגנשטאַנד
ערשט דאַן ברייט צועפּענט
זיינע אויגען

געפינען האָט ער זיך אַליין לעבן אַ באַנק
אין פּאַרק — און מיט שטוינונג באַטראַכט
אַן אַ שיעור בלעטער האָבען דעם
באַדען צוגעדעקט

נישט מער גרין זענען די בלעטער געווען
נאָר געמיניעט האָט מיט
געל קופּער גאָלד ווי אַ
קאָלירפולער טעפּיך אויסגעשפּרייט

און זייער שטיל האָבן זיך זיינע
ליפּען באַוועקט, אַ שאָד
אַ שאָד שוין נישטאָ — אויך דער
זומער שוין אַוועק און מיט
לאַנגזאַמע טריט זיך דערווייטערט
טיף אין פּאַרק
צו זיין באַליבטן אָרט צו דעם
הויכען שפּיציקען פעלז ווי
געפּלאָסען שטורמיש אַ קליינער
וואַסער־פאַל

זונגעוודיק געשלענגעלט זיך
באַרג אַראָפּ אומאויפהערליך
געוואַשן, געשווענקט געלע
געשליפענע שטיינדעלעך
ביים ברעג

אך ווי שטיל און רואיק ס׳איז
דער פּלאַץ באַוווּנדערט ער דאָס
שיינקייט דעם פּראַכט כאַטש
אוועק איז שוין דער זומער

זע ווי שיין ס׳איז אויך
דער הערבסט — ס׳איז דאָך קלאָר
אַז אַלעס ווי געהעריק מ׳דאַרף
אָפּשאַצן און פאַרשטיין אַז אין אַלע
סעזאָנען אַזוי פיל רייץ און
אין שיינקייט איז זיי פאַראַן

א אידעאַל

זוי אַהין זיינען די ליכטיקע
די זאָרגלאָזע טעג אַהין געקומען
און פאַרשוווּנדן ווען געזען האָסטו
זאַכען מיט אַנדערע אויגען

אַלעס האָט געשיינט מיט ליכטיקע
ראָזאווע קאָלירן
פאַר דער צוקונפט נאָך נישט געזאָרגט
דער נעכטן האָט נאָך גאָר נישט
געמיינט עקזיסטירט האָט בלויז דער היינט

מיט אַ לייכטן טראָט דעם קאָפּ
הויך אויף געהויבן געזוכט האָסטו
אַ אידעאַל — און כאָטש נאָך
גאָר יונג האָט דער חוש
דער אינסטינקט

אַ גרויסע ראָלע געשפּילט צו די
נישט ריכטיקע פאַלשע צוזאָגן
צו די הויכע גאָר נישט מיינענדיקע
לאָזונגען זיך נישט צוהערן

זוכען דאָס גערעכטע איז דער
וועג געווען אַ שווערער מיט אַזוי
פיל שטרויכלונגען אויסגעשפּרייט
פון אַ יעדן ווינקל האָט דאָס
שלעכטע ארוים געקוקט

אַבער קיין איין צוריק טריט נישט געמאַכט
דאָס האָט פיל געהאָלפען דיין
כאַראַקטער אוים האַמערן
דעם מיטל וועג אויסקלייבן
און אַזוי האָט זיך די צייט גערוקט

ווען ביידע אי די צייט
און דו זעלבסט ביז רייף געוואָרן
אַז פאַר דער צוקונפט שוין גאָר
געזאָרגט — דער נעכטן האָט שוין גאָר אַ
סך געמיינט דער נעכטן איז געוואָרן
דאָס אָפּשפּיגלונק פון היינט

און געמיינט האָט דאָס אויף אַזוי פיל
אַז ווי ווייט מעגליך זאָלסטו ווייטער
דאָס שלעכטע אויסמיידן אונטער אַלע
אומשטענדען מיט די מענטשן זיך טיילן
אַ ביסעלע צושטרייאונג פּילייכט
אַ ביסעלע פרייד פאַר זיי ברענגען

דער טעות

העל באלויכטן איז דער גראַנדיעזער
 טעמפּל געווען אויף די
אומצאָליקע מתפּללים גערוט האָט אַ יובטוב׳דיקער חן
פאַרזאַמעלט האָבן זיך
יונג און קליין

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן און
באַטאָנען די צוויי ווערטער יונג־און קליין
איך וועל זיך באַמיען אויף צוקלערן
דעם טיפען זין פון דעם

געקומען אין טעמפּל איז אַ יונגער דור
צו פאַרריכטן אַ טעות וואָס זייערע עלטערן
באַגאַנגען געגן זיי געווען אַזוינע און פאַראַן
אויך יעצט וואָס זיי האָבן זיך ממש געגרויסט
אַז זיי זיינען נישט רעליגיעז, זיי גלויבן
נישט אין די אַלע זאַבאַבאָנעס
דערוויל אָן אַ געהעריגע דערציאונג
 זייערע קינדער געלאָזט

פון רעליגיע איז דאָך שוין אָפּגערעדט
אפילו דער טראַדישען איז זיי געווען פרעמד
אינגאַנצען האָט געפעלט דאָס גייסטיקייט
פון אַ אידישן טיש, יאָ מ׳מוז
צוגעבן אַז פּסח האָט געמיינט עסען מצה
 און געפילטע פיש

און ווען די זין האָבן שפּעטער
מיט טעכטער פון אַ פרעמד פאָלק זיך
פאַרבינדען, האָבן די זעלבע עלטערן
די הענט פאַרבראָכן געמאַכט די
 גרעסטע געוואַלדען

דערמאַנט זיך אַביסעלע צו שפּעט
שוין געווען פאַרפאַלען און פּאַסירט
האָט דאָס גאָר נישט אין דער ווייטער
פאַרגאַנגענהייט ווען די קאַרעער מלחמה
האָט אויסגעבראָכן

די יונגע זין אויף דעם פּראָנט
אוועק געשיקט — און ווי באַוווסט
גייט אויך מיט אַ אידישער טשאַפּלין
און אַ פּריסט
און ווען ס׳קומען אָן די ימים-טובים
פּסח ראש-השנה יום כפור להבדיל
ניי יאָר — און קריסטמעס

קומט דער פּריסט נאָך זיינע פליכטן
זיין ארבעט איז זייער אַ גרינגע
ווייל זיינע שעפעלעך אַ יעדען
זונטאַג פולען אָן זיינע קירכען

אָבער גאָר אַ שווערע אויפגאַבע האָט
דער אידישער טשאַפּלין ער מוז פון א־ב
אָנפאַנגען ווייל אויסגעליידיקט זיינען זיי
ווי אַ פּוסטע כלי מיט אָפענע מיילער

אין אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן זיי
דורשטיק געשלונגען אַ יעדעס וואָרט
פון די אוצרות פון אונזער אידישער
געשיכטע וואָס ס׳איז זיי געווען אַזוי פרעמד

און מיט קנאה צו זייערע חברים אריבער
געקוקט וואָס אַלעס וואָס זייער פּריסט
האָט פאַר זיי געפּרעדיקט איז זיי נישט
געווען פרעמד

און אַ פּאַרדרוס האָט איז זייער
הארץ אויף געברויזט — וואָס זייערע
עלטערן האָבן פאַרפעלט צו טון
זייער פליכט, גייסטיק זיי געלאָזט
לער און פּוסט

און ווען זיי האָבן זיך אויף דעם
שלאַכט פעלד געפונען די
שראַפנעלן איבער זייערע קעפּ געפלויגן
האָבן זיי אַ נדר געטון אַ שבועה זיך
געגעבען אַז אויב דער רבונו של-עולם

וועט אויף זיי רחמנות האָבען און זייער
לעבן שענקן — זיינען זיי נאָך גאַנץ יונג
אַז זיי זאָלן גייסטיק אויסוואַקסען
די תורה דערלערנען דעם טעות פאַרריכטען

אין היינטיקן ראש-השנה איז מיר
אויסגעקומען מיט מיינע אויגען דאָס צו זען
געקומען זיינען יונגע-לייט מיט קליינע קינדער
באַגלייט פון ישיבות יוניווערסיטים אַלע אין
טלתים געהליט

דאָס זיינען געווען אַ באַגייסטערטער
אינטעליגענטער עלעמענט
דער אידישער גייסט וועט טיף אין
די הערצער אַריינדרינגען אין
זיכרון זיך איינקריצן

דאָס איז דער סימבאָל אַז
לעבן וועט דאָס אידישע פאָלק
זיי וועלען שוין נישט פאַרגעסען
פאַר ווייטערע יאָרן — זיי וועלן

געדענקען עד סוף כל הדורות
פאַר די קומענדע דזשענערייששענס

דער יאגד סעזאָן און ביקסען

אַט איז שוין דער זומער אַוועק
אָנגעקומען איז דער הערבסט דער יאכט
סעזאָן שטייט שוין אין פולען ברען

דער העכסטער צייט פאַרטרייב
פאַר די ספּאָרט לייט די יעגער
מיט געשיקטקייט ער שייערט און פוצט
זיין ביקס

ער פילט שוין באַצייטענס דעם
טעם — די הנאה פון אומברענגען
אַן אומשולדיק באַשעפעניש אין זיינע
געדאַנקען פילט ער ממש די
וואַרימקייט פון דער גלאַט עלאַסטישער פעל
פון די נערוועז דעם צאַפל

אַט איז ער שוין באַקליידט מיט
דעם געהעריקן אָנצוק און די
הויכע גלאַנציקע שטיוול
די ביקס פאַרוואָרפן אויפן אַקסעל

צוגעפּעסטיקט צום דיך דעם
לעדערנעם בייטל דאָס יעגער
היטעלע מיטן גלאַנציקען דאַשעק
וולעריש פאַררוקט אויף אַ זייט

שפּרייזט ער ענערגיש אויף דער
שמאָלער סטעזשקע טרעט אויף קופער
ברוינע בלעטער ס'הערט זיך דאָס
קנאַקען פון פאַרטריקענטע צווייגען
די זון רייסט זיך דורך

צווישן אַ געדיכטן בוימער געפלעכט
פאַרשפּרייט דורכאויס רונדע
זונען פלעקן ווי גאָלדענע
מטבעות אויף דער ערד

צו דער שיינקייט פון דער נאַטור
דער יעגער איז בלינד אַט
האָט ער מיט זיין שאַרפער ראיה
דערזען אַ זילבער פוקס איבער
קרייצן דעם וועג ביים ראנד פון וואַלד

בליץ שנעל זיך געצילט מיט
זיין ביקס אין לויפנדען פוקס
האַסטיק זיך דערנענטערט צו דעם אָרט
און טאַקע דאָ באַמערקט אַ שנירעלע בלוט

אָבער נישטאָ דער פוקס ווי
פאַרשלונגען האָט אים די ערד
הא די פאַרשאָלטענע חיה
דו וועסט זיך שוין פון מיינע הענט
נישט אַרויסדרייען
דער יעגער שטאָלץ האַט פון דעם שטאַרק
געליטען

און דער געיאַקטער פוקס האָט
זיך טאַקע אין דעם אוים
געהוילטן בוים באַהאַלטען
מיט דער צונג געלעקט די
וואונד וואָס די קויל האָט לייכט
פאַרטשעפּעט דעם לינקן אויער

האַסטיק האָט זיין הארץ געקלאַפּט
אַ טויט שרעק האָט אַרויסגעקוקט
פון זיינע אומשולדיקע אויגען מיט
אַזוי פיל טרויער אָנגעפולט

און איך קען שווערען און ס'האָט
זיך מיר אויסגעדאַכט ווי זיי
פרעגן בין איך דען באַגאַנגען
אַזאַ פעלער ווען מיר האָט זיך געוואָלט
עסען בלויז דעם הונגער שטילן?

ביי דעם יעגער דאָרט איז דאָך דאָס
בלויז אַ צייט פאַרטרייב איז צוליב
זיין שפּיל מוז איך מיט
מיין לעבן באַצאָלן?

עפּיס איז דאָרט דער מער מיט די טישען

פֿון דער וויעטנאַמער מלחמה מיט
דער קאָמפּליצירטער לאַגע
האָט זיך אַ דינינקער שטראַל
פֿון האָפֿנונג באַוויזן

ווען אויפֿן לופֿט־פֿעלד אין פּאַריז
האָט מען מ"ר טוי מיט זיין סוויטע דערזען
געגעבען האָט מען אים גאָר אַ
וואַרעמען קבלת־פּנים

אין זיין כּבוד וועגען האָבן געפֿלאַטערט
פֿאַרשידענע פֿליגען און פֿאָנען
עפּיס האָט זיך געגעבען אַ ריר
אויף דער דיפּלאָמאַטישער אַרענע
אַ סימן אויף זיין פּנים האָט
אַ זיסער דיפּלאָמאַטישער שמייכל געשוועבט

אסור מיר צו איך נעם זיך אונטער
זיין שמייכל צו פֿאַרשטיין
ווייל איידער מ'נעמט זיך צו
אַ שלום פֿאַרהאַנדלען
איז גאָר מיט אַ שאַרפֿן עינין די
פֿראַגע וועגן טישען אַרויף געשווימען
ס'מעג טאַקע קלינגען ווי אַן אַבסורד
אַ שפּאַס, אָבער ס'איז אַ פֿאַקט

אַז דער ענין פֿון טישען איז גאָר ניט
אַזוי קאָלירלאָז און בלאַס, ווייל ביי זיי
איז אַ פֿראַגע צו זאָלן די טישען זיין
קיילעכדיק אָדער פֿירעקעכדיק, און ווער
ס'זאָל פֿאַרנעמען דעם אויבן אָן
און האָבן דאָס לעצטע וואָרט

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם שלום גופא
רירט זיך נישט פֿון אָרט — ער איז
אַזוי ווייט ווי פֿון מזרח צו מערב
און פֿון צפֿון צו דרום

פֿון דער גאַנצער סיטואַציע האָט זיך
מיר פּשוט פֿאַרדרייט דער קאָפּ און
ווי אימער אין אַזאַ פֿאַרפּלאָנטערטער
לאַגע — האָב איך דעם רבונו של-
עולם גערופֿן פֿאַר אַ שותּף — זיך
מיט אים אויסגעטענעט אויף מיין אייגענעם
לשון

דענקסטו נישט אַז ס'איז שוין די
העכסטע צייט אָפּשטעלן דאָס בלוט פֿאַרגיסן
דעם האַרטן פֿאַרפּלאָנטערטען קנופּ
פֿאַנאַנדער בינדען אַ סוף צו דער
בלוטיקער מלחמה
זאָל שוין הערשען שלום אויף
דער וועלט און דויערהאַפֿטער פֿרידן

געגוויע אויפפאַסונג

ס׳טרעפט נישט זעלטן ווען דו
ווילסט זיך מיט דיינע געדאַנקען טיילן
איז דאָס ווייט נישט פון די גרינגע זאַכן
און ס׳איז אויסגעשלאָסן אַלעמען צופרידן
שטעלן

ווייל לאָמיר זיך נישט נאַרען
די מענטשליכע באַגריפן זיינען דאָך
אַזוי פאַרשידן — ווען ביי איינעם
איין זאַך רופט אַרויס אַ שמייכל
אָדער אפילו באַגייסטערונג — רופט די
זעלבע זאַך ביים צווייטן אַרויס אַ
געניץ אַ געשמאַקען
מיט זיינע אייגענע געדאַנקען איז

ער גאַר בשעת-מעשה אַזש קיין
בייבעריק פאַרפלויגן פרעגט אים
בחרם וואָס האָט מען דאַ פאַרגעלעזען?

וועט ער אויסשטעלן אויף אייך
אַ פּאָר תמוואַטע אויגען ער באַמערקט
עפּיס יאָ ביי מאַנכע צוהערער
אַ לעבהאַפטן אויסדרוק אויף זייערע פּנימער

ער קומט צום באַשלוס אַז אַלע
האָבן מער ווייניגער פאַרשטאַנען
ווייל זיי האָבן זיך צוגעהערט
נאָר ער אַליין איז געבליבן אין דרויסן

נאָר אונטער וואָסערע אומשטענדען
מ׳זאָל זיך נישט געפונען מוז
מען זיין אויפריכטיק מיט זיך אַליין
און מיט די מיט מענטשען

ווי ווייטאָקדיק און פאַרדריסליך
ס'זאָל מאַנכעס מאָל נישט זיין
מ'ז מען קענען אַן עוולה פאַרקוקען
און אויב דו ביזט באַגאַבט כאָטש
איין איינציקען געדאַנק אויף פּאַפּיר
אַרוים ברענגען — איז זיי נישט
עגאָ-איסטיש פאַרקוק אַן עוולה
און טייל זיך מיט אַלעמען

פאַר וואָס זאָל דאָס בלייבן
נאָר פאַר דיר?

שוין צוריק געקומען

פון אַלע זייטען צו זייערע נעסטען
די פויגעלעך צוריק געקומען
אויף דעם שטויב וואָס האָט זיך
געדיכט אָנגעקליבן האָבן
זיי קרום מיט די נעזעלעך
פאַרצויגען

דאָרט אויף דער פרייער לופט
זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע
פראַזאַ־אישע זאַכען מ׳האָט
ליבערשט געקוקט אין די בלויע הימלען
און אויף די גרינע לאַנקעס
וואָס שפרייטען זיך ווייט אַוועק
נו פאַרפאַלען מען מוז זיך
צו דער ארבעט גרייטען
און באַלד טאַקע די
פליגעלעך צונעמען

אין אַלע ווינקעלעך אַרומגעפלאַטערט
אַלעם אויפן געהעריגען
אָרט צושטעלט און איידער וואָס
און איידער ווען אַלעם האָט געבלושטעט
און געבלאַנקט

און ס׳פרייט מיך זייער די
צוריק געקומענע געסט צו באַגריסן
זיי קוקען דאָך אַלע אויס אַזוי
קיילעכדיק און פאַרברוינט אַזוי ווי
צייטיקע עפּעלעך אויפן בוים

און כאַטש די פּראָזע קלינגט
אַזוי אויסגעדראָשען אָך ווי
גוט ס'איז אייך צו זען
מוז איך דאָ אונטערשטרייכן
און אַ באַמערקונג מאַכען
אַז פון מיין זייט איז דאָס גאַנץ
אויפריכטיק מיטן פולען מיין
און דאָ קומט מיר אין זינען
די טרעפליכע ווערטער
פון אַ העברעאיש ליד

הוי מה נעים ומה טוב
שבת אחים גם יחד
אך ווי ווויל און ווי גוט
צו פאַרבענגען ברודערליך
היימיש אַלע צוזאַמען

וואַקאַציע

איז אונזער וואַקאַציע שוין געקומען
צו אַן ענד — וואָס פאַר אַ וואונדערליכען
צאתך לשלום די ליכטיקע
פלארידא האָט אונז געגעבען

געזעגענט האָבן מיר זיך מיט
דורכזיכטיקע בלויע הימלען
מיט ווארימע גאָלדענע זונען שטראַלן
איינגעשטיגען אין עראָפּלאַן
די ריזיקע פליגלען פון כמאַרעס
און וואָלקענס העכער זיך אויף געהויבן
ווי אַ שטאָלענער אָדלער מאיעסטעטיש
אין דער לופטן געפלויגן

אָט האָט זיך דערהערט פונם
פּיילאָט דאָס קול דאָס האָט ער
געלאָזט וויסען די פּאַסאַזשירען
:ווי הויך ס'איז זייער פלי

און אַז באַלד זיי וועלען דעם
ניו־יאָרקער לופט פעלד דערגרייכען
נאָר ווי לויטעט דאָרט דאָס שפּרוך וואָרט
ס'איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן
דער קלוגער דער ווייז מען
ער זאָל פאָראויס זען ווען צו קומען
און ווען צו גיין

ווייל אויגענבליקליך האָט זיך די
אַטמאָספערע געביטען אַריין געפלויגן
איז אונזער עראָפּלאַן אין אַ געדיכטען
נעפּעל אין אַ טומאַן

דאָ האָט זיך מער נישט געהאַנדעלט
פון שלאָגען אַ רעקאָרד פון שנעלקייט
מיט אַ פאַרשפּעטיגונק אויף אַ צוויי שעה

מיט גרויס פאַרזיכט און געשיקטקייט
האָבן מיר בשלום געלאַנדעט אויף
קענעדער לופט פעלד

אָבער ניו־יאָרק האָט אונז געגעבן
דעם ריכטיקען קבלת־פנים
באַגעגנט האָט אונז אַ גרויער פאַר
וואָלקענטער הימעל אַ קאַלטער ווינט האָט
געבלאָזען ווי מיט צעבערס האָט
געגאָסען אַ רעגען

אדורכגעמאַכט דעם טרעפיק אַ
פאַרפלאָנטערטען אַטאָמאָביל פאַרקער אין
מיט צופרידענהייט געעפענט פון מיין
היים די טיר

אַרומגענומען האָט דיך אַזאַ היימישע
ליבע וואַרעם אָבער דאָ האָט דיין אויער
פאַרנעמען אַזאַ דינעם טאָן פון אַ ניגון
זים־זים־זים
דאָס האָט דיך דערמאָנט אין
דיין ליבער אלטער היים
ווען נאָך אַ יונג קינד געווען

אזוי האָט דער סאַמאָוואַר געזונגען
ווען געהאַלטען האָט ער אין פאַרזידען
אָבער דאָ איז דער טאָן פון סאַמאָוואַר
נישט געקומען — דאָ האָט דער סטים
זיך נאָכגעקרומט און אויך געזאָטן

שוין צייט

פון ווייטען האָריזאָנט האָט זיך אַ
געדיכטע פינסטערניש פאַרשפּרייט
איבער אַלע ברעגן האָבן זיך ווי
בערג הויכע כוואַליעס געהויבן
איבער אַ צוברויזטען ים

געיאָקט זיך ווי ווילדע צעיושטע
פערד מיט צופלאַשעטע גריוועס
ווייסע ווי שוים
געקרעכצט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה
באַפרייען זיך און די קייטן צורייסן
ווי אַ געפּענטעטע געלעגען מיט
אייזערנע צוואַנגען אין איר לייב
זיך איינגעביסן מיט די
לעצטע כוחות זיך אָנגעשטרענקט

צו אַ פרידליכען ברעג דערשלאָגן
און ווי לאַנג וועט נאָך נעמען דאָס
שלעכטס אוים צו ראַטען און דעם
מענטשענס לעבן אַזוי ביליג הפקר

און אויף זיין אייגענעם שטייגער דער
ים האָט דערציילט פון שווידערליכע
פּאַסירונגען פון בלוטיקע מלחמות
שווערע שלאַכטן
פון אומקום ריזיקע פאַרלוסטן

די שלעכטע זייט פון דער מטבע
האָבן מיר שוין געזען דענקסטו
נישט אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט
די בעסערע זייט אונז צו צייגען

הא שוין לאַנג צייט די ווילדע
וואַסערן צו צוימען
זאָלן זיי איינהאַלטן זייערע
ווילדע אינסטינקטן
און לאָז אונז אַ ביסעלע שטילקייט
ווירדע, רואיקייט געניסן

דאָס ליד פֿון פֿרייהייט

אַרום געשטעלט זיך אין אַ קרייז
אויסגעטאַנצט די הורא
אַזוי גרינג און פֿלינק זייערע טריט
ווי פֿון הירשען יונגע

אויסגעברייטערט זיך דער ראָד
און ס׳שטאַרקט זיך דאָס
האָפֿנונגס ליד ווי אַ ווידערקול
ס׳הילכט אָפּ אין די הויכע
בערג זייער געזאַנג

אויסגעריסען שוין די דערנער
פֿון דער דאַרער זאַמדיגער ערד
און אויך באַזייטיקט די פֿעלזן
און די שטיינער ס׳פֿילט זיך
שוין אין דער לופֿט

דער זיסער שמעקעדיקער ריח
פֿון מאַראַנצען בוימער
מיט מסירת נפֿש געאַקערט דעם
באָדן אין איין האַנט דעם אַקער
אין דער צווייטער די ביקס

אין אַלע זייטען אַנגעשטרענגט
די אויגען ווייל נישט פֿאַראיבער
איז די געפֿאַר כאַטש געשטאַנען
אויף דער וואַך נישט אויסגעמיטן
דעם שונא׳ס קוילן

און ס׳ווייטאַקט אַזוי דאָס האַרץ
אויף די לעבנס אַזוי יונג פֿאַרשניטן
געבן זיי דאָך זייער קאַמף נישט אויף

און דאָ איז פאַרווירקליכט געוואָרן דער
פסוק הזורעים בדמעה ברינה יקצורו
די וואָס זייען מיט טרערן וועלן
שניידן מיט געזאַנג

מוטיק וועלן זיי אויסברייטערן דאָס
לאַנד

מיט אַ פרייהייט און האָפנונג געזאַנג
וועלן זיי אויסטאַנצן די הורא
און כאָטש מיר זיינען היינט
צו טאָג זייער באַזאָרקט
מוזען מיר דאָך אונזער האָפנונג
נישט פאַרלירן

אויסדרויער

מיט אַ אימפּעט אַ גרויסן געלאָזט
זיך לויפֿען צו דעם באַרג דעם הויכן
אויסגעדאַכט האָט זיך אים
אַז אַזוי נאָענט איז דער באַרג
מיט דער האַנט אים צו דערגרייכען

בלויז אַביסעלע זיך צואיילען
און שוין ער איז שוין אויבן
און וואָס שנעלער ער איז געלאָפֿען
אַלץ ווייטער דער באַרג אַנטלאָפֿן

פֿאַרדאָפּעלט האָט ער דעם געיעג
פֿאַר קיין זאַך זיך נישט אָפּגעשטעלט
ביז איין מאָל לויפֿן מער נישט געקענט

רעזיגנירט אַראָפּ געלאָזט זיך
אין טיפֿען טאָל מיט
שטאַרע אויגען דעם ווייטען מהלך
אויסגעמאָסטען און דערזען אַז ער
איז נאָך ווייטער ווי געווען

און ביי זיך געקלערט אין דער שטיל
אַז אייגענטליך בלויז אין לויפֿען איז
נישטאָ קיין זין ס׳האָט נאָך
דערווייל אַזוי אַרום קיינער נישט
דערגרייכט זיין ציל

דאָ גילט גאָר דער היפּך
דער פֿאַרקערטער פּונקט
מען מוז אויף זיך אַרבעטען
גאָר שווער זיין געדולדיג
אומגעהויער מיט אַן עקשנותדיקען
דויערהאַפֿטען אויסדויער

די נאַכט אין חיפה

דו קוקסט אין דער ווייטקייט
ווי כוואַליעס זיך טראָגן
די בוימער זיך בויגן
פון ווינטן וואָס יאָגן

די לבנה זי זילבערט
אין ים פלאַך דעם טיפן

די שטערן ווי קינדער
זיי ווינקן און שטיפן

דו קוקסט אין דער ווייטקייט
באוווּנדערסט דעם פראַכט

נאָר גאָ-ט קען באַשאַפן
אַזאַ ערליכע נאַכט

ווען דער שלאָף קומט ניט

אוים געוואַשן די אויגן אַזוי קלאָר
דער געדאַנק,
אוים געפּיבערט אויסגעחלומט דיך
מיין ליד

לאַנגע שעה׳ן אויף מיין געלעגער
וואַך געווען — איינשלאָפן ניט געקענט
אין הימל זיך באַוויזן דער מאָרגן שטערן
פאַרשווינדן שוין די נאַכט שווארץ אויף וויים
— מיין טראַכטן אויף פּאַפּיר אַרויסגעבראַכט —
אין בלויען פרימאָרגן מיינע שורה׳לעך
איך לייען — מיט אַמאָל אַזוי פריש מונטער
זיך דערפילט — ווייל מיין לידעלע
לייענט זיך אַזוי שיין, אַטעמט מיט געזאַנג

אויסגעלייטערט דאָס געמיט גענוג אומעטיק
געווען — צייט אַ שטיף טאָן און די זאָרגן
ווייט ווייט אַוועק וואַרפן אַ טענצעלע גיין

אין עראָפּלאָן

און דו שוועבסט אין די הויכן
צווישן הימל און ערד
אין טיפע רעיונות פאַרקלערט
דאָך בלייבסט אויף דיין אָרט

וואָלסט וועלן זיין אַ פייגעלע
פליען פראַנק און פריי
פאַרגעסן דעם נעכטן
די זאָרגן פאַרן מאָרגן
אַנפּאַנגען אַלץ פונסניי

נישט גרינג איז צו פאַרגעסן
דעם נעכטן
די שיינע חלומות
די ערליכע מאָמענטען
מ'קען דעם נעכטן ניט
אַזוי גרינג אוועק מאַכן פון זכרון
און מ'דאַרף דאָס אויך נישט טאָן
ווייל דער נעכטן איז דער שטאָלץ פון מאָרגן

נאָר נישט פאַרלירן קיין מוט
שעפּ אָן פרישן כח
ווייל פאַראַן איז נאָך
אַזוי פיל צו זען

נאָר נישט דורך שוואַרצע ברילן
אין אַ פאַרנעפּעלטן מח

יוגענט און חלומות

האַפּערדיק מונטער ווי אַ קינד
דער קאָפּ הויך פאַריסן
לויפסטו גיך געשווינד
ווייל ביזט דאָך נאָך אַזוי יונג
פון חלומות פאַנטאַזיעס ווערסטו מיטגעריסן

מיט אַ מעכטיגער האַנט וועסטו
בויען אַ וועלט אַ שיינע
נישט דערלאָזן קיין רציחות
קיין פאַרברעכען
נאָר בויען אַ וועלט אַ גערעכטע אַ ריינע

און גייענדיק אַזוי מיט דעם קאָפּ
אין דער הויך
כאַפּסטו באַלד דעם ערשטן קלאַפּ
פאַר וויטאָק ווערט דיר אַזש פינסטער אין
די אויגן, וואָס טוט זיך דאָ? ערשט
געווען אַזוי ליכטיק שיין
און שוין איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט?

דו בויגסט אָן דעם קאָפּ
שטרעקסט אויס דיין האַנט
און רופסט נאָך הילף

אַבער ס׳ענטפערט דיר נישט קיינער
ווייל ווען געטרויסט דו האָסט
פון אַ גערעכטער וועלט
דיין וועג פאַרלייגט האָט מען דיר מיט שטיינער

און ס׳באַגעגנט דיך אַ חוזק שמייכעלע איבעראַל
קוקט נאָר אָן דעם שלים-מזל
געפלויגן אין די הימלען
נאָר פאַרגעסן אַז אויך אַ ערד איז פאַראַן
געזוכט האָט ער אַ אידיאַל

שטימונגען

וועןְ דער הימל איז פֿאַרוואָלקענט
און דער ווינט שטורמדיק
בלייבסטו זיצן אַזוי שטיל
דיין בליק אַזוי אומעטיק

מיט דיינע געדאַנקען פֿאַרטראַגסטו זיך
גאָר אין אַנאַנדער וועלט
ווי אַלעס דאָרט גרינט
דאָרט פֿילט זיך נישט די קעלט

באַלד גיסטו אַ טרייסל אָפּ
פֿון זיך דעם אומעט
האָב מיין טייערע אַ ביסעלע געדולד
וועסטו מיט גאָ-ט׳ס הילף
דערלעבן אויך דעם פֿרילינג

דאָס גראָז וועט גרינען
אויך די בלומען וועלן בליען
גאָר מיט אַנדערע אויגן
וועסטו אַלעס דאַן באַנעמען
ווייל פּונקט אַזוי בייטן זיך צייטן
אין מענטשענס לעבן

און פּונקט אַזוי בייטן זיך
דיינע שטימונגען
ווי אַ קאַלירפֿולער רעגנבויגן

גערעכטיגקייט זיגט

אין מיין קינדהייט בין איך געוואָרן דערצויגן
אַז אונרעכט ווערט באַשטראָפט
גערעכטיגקייט פאַרדינט דעם פאָרצוג

אין גאַנג פון לעבן האָסטו געזען פונקט
דאָס פאַרקערטע עפּים האָט דאָ נישט
געשטימט, געזען האָסטו זאַכן מיט
אַנדערע אויגן

כדי זיך צו איבערצייגן געפאָרשט
געוואָלט זיין זיכער
געזוכט אין פאַרשידענע ביכער
צו ווערט באַשטראָפט דאָס שלעכטע
צו זיגט דאָס גערעכטע

די צייט איז נישט געשטאַנען שטיל
מיט מלחמות און בלוט פאַרגיסונג
די וועלט איז געווען פול
אין איינעם אַזאַ טאָג אין דער צייטונג
געזען דעם שרעקליכן קיילעכדיגן
ציפער 6 מיליאָן קדושים אומגעקומען

די הענט פאַרביילט אין פויסטען
מיט אַ פאַרקלעמט הארץ ביז צום פלאַצן
דו שרייסט אוים מיט ווייטאָג

ווי איז דאָס מעגליך און ווי אַזוי
האָט מען דאָס דערלאָזט, און די וועלט
האָט געשוויגן?

מיט פאַרטערטע אויגן דו ליינסט ווייטער
דעם נאַצי ימח שמו וזכרו האָט מען געכאַפּט
אין אַרגענטינע משפטן וועט מען אים גראָדע
אין דער אידישער מדינה

זיין נאָמען איז אַדאָלף אייכמאַן ימח־שמו
און דאָ פּאָדערט זיך אַ קלאָרער פאַרשטאַנד
צו באַגרייפן אַז שיעור האָט זיך
אים איינגעגעבן זיין טייוולישער פּלאַן
דאָס לעצטע ביסל אידענטום פאַרניכטן

אָבער גאָר איין אַנדער ווענדונג האָט אָן
גענומען דער איראָנישער שיקזאַל
אַז גראָדע דער שונא זאָל געמשפּט ווערן
אין מדינת ישראל,
און דאָ טויכט אויף אין מיין באַוווסטזיין
די לאַנג נישט פאַרענטפערטע פראַגע
אַז געדעכט זיינען געווען מיינע טייערע
דערציער אַז אין אַ צייט ווערט דאָך
דער אונרעכט באַשטראָפט
און גערעכטיגקייט פאַרדינט דעם פאַרצוג

נישט מער מיר זיינען אָבער אַזוי געפּרופט
אַז איידער מ׳קוקט זיך אַרום
און איידער מיר קריכן פון איין
צרה אַרויס שטייען מיר שוין אין אַ אַנדער
מיטביידע פיס
מיר זיינען אויסגעשטעלט צו שווערע
נסיונות און געפאַרן
ווי אין אַ געפערליכן לויף געוועט
מיט פאַרהאַסטע בלוטיגע שונאים
וואָס מיר מוזן זיך מיט זיי
אַלע מאָל פאַרמעסטן

און דאָ מוזן מיר זיך שטאַרק פאַרטראַכטן
און זיך אָפּגעבן אַ חשבון הנפש
צו דו ווילסט יאָ גלויבן אָדער נישט

קומען מיר צום שלום — אַז אַלע יאָרן
קומט אונז אויס צו קעמפן נישט אַנטקעגן
איין שונא — נאָר אַנטקעגן אַ וועלט מיט
שונאים — אָן אַן ערך מערער און
שטאַרקער אין צאָל

און דאָך — האָבן מיר דערגרייכט אַזאַ שטופע
אַז די וועלט רעכנט זיך מיט אונז — לאָמיר האָפן
אַז די צייט וועט זיין אויף אונזער זייט

דער טיפֿער איינדרוק
ווען קוקסט אויף דעם כנרת

און געטונקען האָבן זיך די
לעצטע שטראַלן, מיט פּאַסן און
גאָלדענע שטרייפֿן, געשימערט
געבליאַסקעט אויף דער אויבער פֿלאַך פֿון ים

לאַנג איז שוין די זון פֿאַרגאַנגען
אַ טונקעלער הימל אַראָפּ גענידערט
אין די בלויליכע וואַסערן
פֿון כנרת זיך געשפּיגלט

אָבער אויף דעם הימל האָט די
זון געשיינט מיט די הערליכסטע
קאָלירן און פֿאַרבן

אַ פֿאַרגאַפֿטע האָב איך אויף דעם
צויבערליכן בילד געקוקט, קיין איין
וואָרט נישט אַרויס גערעדט
גראַדע אין טיפֿן שווייגן מיין
ענטציקונג און באַגייסטערונג אויסגעדריקט
ס'גיבען צייטן, ווען גאָרנישט וויכטיג איז רעדן
ווערטער זיינען איבעריג זיי זאָגן
גאָר נישט פֿיל

דאָס ליד פון האָפנונג

באַוויזען האָט זיך אַ זייל שטויב פון וויטן
אַ טונקעלער ס׳לויעט האָט זיך באַוועגט
אַרויף געשטעלט אַ קרוג אויפן אַקסעל
אַ שווערן שטעקן אין האַנט

אַ יונגע פּאַסטוכקע אירע
שעפּעלעך געפירט
אַראָפּ געגנידערט פון היכן באַרג
נידעריג אין טיפן טאָל
ווי געפּלאָסן און געריזעלט
האָט אַ וואַסערל שטיל

ווי אַ פעסטונג האָבן אויסגעזען
די בערג אַרום, פון חרמון
יהודה און גליל

אַ וואונדערליך ליד האָט זי
אויסגעפייפט אויף איר פייפעלע
אויף דעם חליל, און אָפּגעהילכט
האָט דאָס געזאַנג ווי אַ עכאָ
אַ ווידערקול איבער די בערג פון ישראל

און אָפּ געענטפערט האָבן אַלע
פּאַסטוכער מיט דעם זעלבן
כישופדיגן ליד וואָס ס׳איז
אונז אַלעמען באַקאַנט און ליב
און דאָס איז אונזער התקוה
וואָס מיט איבערגעבענהייט אין
אונזער האַרצן איינגעגראָבן טיף
און ווי ס׳לויטעט אונזער שבועה
אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני
אויב איך וועל דיך פאַרגעסן ירושלים
פאַרגעסן זאָל ווערן מיין רעכטע האַנט

שונאים

ס׳איז שוין יעדן באַוווּסט און ס׳איז
אויך נישט קיין נייעס
אַז דעם אידישן פאָלק פעלן
נישט אוים קיין שונאים

מיילא צו פרעמדע שונאים
איז ער שוין געוווינט אַ ברירה האָט ער?
אָבער אייגענע הינט ווייסן אַם שטאַרקסטן
ווי צו טאָן

אָבער לעצטענס האָבן זיך
אונזערע אייגענע פיינט באַוויזן
אַזוי ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן

זיי רעדן פאַר פייער און פאַר וואַסער
האָבן אַ סאַדיסטישע הנאה
ווען די אייגענע וווּנד זיי קראַצן
שפייען זיך אַליין, און יענעם אין פנים

וועגן אַזאַ העסליכן פאַרשוין
וואָס פרידען איז זיין נאָמען
איז מיר אויסגעקומען זייער פיל
צו לייענען און אויף טעלעוויזיע
אים זען, פאַר וועלכע גוטע יאָר
מ׳גיט אַזוינעם פּובליסיטי
איז מיר שווער צו פאַרשטיין?
כ׳ווייס אפשר דער פאַר ווייל ער
איז אַ מיליאָנער

DUS GEZANG FUN MEIN FOLK

POEMS BY

NAOMI GOOEN